STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05383

DI LETSTE TRER

Devorah Fus-Lipkind

Permanent preservation of this book was made possible
by Michael Gustave
in memory of
Sophie Tucker

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

22/5 85

דבורה פוס

☆

די לעצטע טרער

לכבוד

מיט ברכה ביך
טיב אויף דעם בוך
מיינעם צו געפערונג
ארבייט

פון דבורה פוס

דבורה פוס - ליפקינד

די לעצטע טרער

תל־אביב, תשכ״ח

דבורה פוס-ליפקינד

די לעצטע טרער

כל הזכויות שמורות למחברת
רח׳ מנחם 3, רמת־גן

נדפס בישראל
1969

דפוס „אור״ בע״מ
רח׳ לבנדה 36, תל־אביב
טל. 36910

ג ע װ י ד מ ע ט

אונדזערע זעקס מיליאָן קדושים

און די געפאַלענע

פאַר אונדזער באַפרייאונג



זאב און דבורה פוס און די קינדער דליה, אברהם, שולמית

הקדמה

מיינע ליבע לייענער:

אין דער צווייטער העלפט פון מיין בוך איז אַ ביסל באַשריבן פון מיין שטעטל פון געבוירן און אַ ביסל פון מיין שטאַם.

זאָל מיין בוך זיין אַן אייביקע מצבה פאַר די זעקס מיליאָן יידן, וואָס זענען געפאַלן אויף קידוש השם, ווי די עשרת הרוגי מלכות און אויך פאַר אונדזערע העלדישע קינדער, וואָס האָבן באַפרייט אונדזער הייליק לאַנד. און זאָל שוין דאָס זיין די לעצטע טרער פון אונדז אַלעמען, און עס זאָל הערשן שלום ושלוה צווישן אונדזערע אייגענע ברידער און עס זאָל קומען אַ שלום אויף דער גאַנצער וועלט, אַז מיר, יידן, זאָלן האָבן אונדזער אייגענע היים רו און שלום צווישן אונדז און אונדזערע שכנים. במהרה וימנו אמן.

א געבעט

רבונו של עולם, גיב שוין
איצט אַ טראַכט,
און נעם שוין צו
פון דעם שטן די מאַכט.

האָסט דעמאָלט מורא געהאַט,
פאַר דיין תורה
אָבער די גאַנצע יאָרן,
— האָסטו געזען — האָבן מיר
זי געהיט ווי די בעסטע סחורה.

אַט וועל איך דיר נעמען אויסרעכענען,
פון פאַרצייטן ווען דו האָסט אונדז אין בבל פאַרטריבן
האָבן מיר דאָס ערשטע,
דיין תורה באַשריבן.

און אין די מצרישע נגישות
און אין די שפּאַנישע אינקוויזיציעס
און באַגדאַן כמיעלניצקים רציחות
און ביי דעם צאַר ניקאָלאַיס פּאָזיציעס
און אין מיטן
אָנגעשיקט די אַנטיסעמיטן,
און איצט ביי די דייטשן,
אָנגערייצט פייערדיקע בייטשן,
און זיי האָבן געשריגן:
„פאַריקטער יודע״,

דו ביזט געקומען דיין דאָקומענט נעמען.
מיר וועלן דיך מיט אים
אין פייער פאַרברענען!

און מיט די תורות אין די הענט,
געשפּאַרט זיי צו די ווענט,
און ביי די בערד געריסן.
און אַזוי ביז צום טויט פאַרשמיסן.

און פון דעם טייערן כבוד,
אויף דער געלער לאַטע,
דעם מגן דוד.
און אַזוי ווי הינט אַרומגעטריבן,
און אַזוי זייערע לעבנס צעריבן.

און די גאַנצע וועלט האָט דאָס צוגעזען.
אָבער שוין צו לעצט און מיט
די פּלייצעס געקוועטשט,
און אפשר וועלן מיר זיי העלפן?

און אַז עס איז רעשטלעך געבומען בלייבן,
האָסטו זיי אַהער אין ארץ ישראל
גענומען קלייבן.

און אַז עס איז סוף־סוף,
מיט בלוט און טרערן געוואָרן
אַ יידישע מדינה,
האָט מצרים גענומען קוקן
אויף אונדז מיט שנאה.

ער האָט גענומען אַלע
אַראַבישע מדינות אָרגאַניזירן

אַז ישׂראל טאָר ניט מער
עקזיסטירן;

און זיי האָבן גענומען
אונטערלייגן מינען
און שיקן די רוצחישע פעדאאינען,
און ווו מען האָט זיך נאָר גענומען קערן
שטענדיק בלוט מיט טרערן.

ער טוט זיך מיט אונדזער בלוט שפּילן.
זיין רוצחישע הארץ צו קילן,
און ער טעלעפאָנירט אָן פון ווייטן,
און עס קומען אויסערן-מיניסטאָרן
פון אַלע זייטן,

און מען זיצט ביי דעם טיש,
דעם ברייטן און מען דיסקוטירט,
און מען דעבאַטירט אויף
נאמנות, עס איז אויף נאַצערן,
אויף די אַראַבישע מדינות אַ רחמנות.

אַז מען האָט אים גענומען
שיקן געווער פון אַלע זייטן,
איז ער שוין ביי זיך געוואָרן
דער בעל-בית אויף מיטעלן מזרח דעם ברייטן.

און ווען עס האָט אין סיני
געווער גענומען שטראָמען,
פלעגט ער זיך פון פאַרגעניגן
פאַרגיין, אז אָט אָט.
וועט שוין ישׂראל אונטערגיין.

און דעמאָלט האָט ער שוין גענומען
פון אַלע מדינות אָפּלאַכן,
און דעם סועץ־קאַנאַל
פאַר אַן אייגנטום מאַכן.

און דאָס איז פּלוצלונג
געשען אין צוויי מדינות
האָבן זיך אַרומגעזען
און האָבן ביי זיך באַטראַכט
און האָבן פאַר אונדז
אַ וועג געמאַכט.

און ווען צה״ל האָבן גענומען
אויף סיני מיט די טרומייטן בלאָזן,
זיינען זיי שוין געלאָפן
ווי די ווילדע האָזן.

און ווען די טרומייטן האָבן גענומען שאַלן.
זיינען זיי פאַר שרעק צו דער ערד געפאַלן,
אין די טויזנטער זיינען זיי געלאָפן.
אָבער די קויל האָט זיי אַלעמען געטראָפן.

און דערנאָך האָבן מיר
אין איין וואָך אַלץ פאַרנומען,
און מיר האָבן אַלץ
פון זיי צוגענומען.

מיר זיינען אַרוים אַלס
מכבייער זיגער,
און אויף דער גאַנצער וועלט,
די בעסטע קריגער.

און רוסלאַנד האָט זיך
איצט ווידער גענומען אַריינמישן,
און האָט נישט געמאַכט קיין טראַכט
און האָט ווידער דעם דיקטאַטאָר געגעבן די מאַכט.
און אַלע מדינות האָט דאָס גענומען אויפרעגן
און אַלע ווילן זיך באַזעצן
אין מיטעלן מזרח, ביי די ברעגן,

און מיר מיט די געווער אין האַנט.
פאַרטיידיקן אונדזער אַלט נייע לאַנד.
אָבער שוין מיד גאַטעניו
פון אַלץ און מען האַלט אונדז נאָך אין קלעם,
אָבער סוף-סוף מוזטו זיך אַרומזען.

טאָ נעם שוין דעם משפט
אַליין אין די הענט
און עין תחת עין,
און שן תחת שן
אַז קיין בלוט און טרערן
זאָלסטו שוין פון דיין פאָלק ישראל
מער נישט זען.

און איצט הער מיר שוין אויס,
און לאָז מיך מיט ליידיקן פון דיר נישט אַרויס.
דו האָסט שוין אַ סך יידן
פון דער גאַנצער וועלט צוזאַמען געקליבן,

מיר ווילן שוין איצט פון אַ פרידלעך לעבן געניסן.
אָבער זע — אַז מען זאָל
שוין אויף אונדז נישט שיסן.

מאַך אונדז נישט אָן קיין בזיונות,

מיר האָבן דאָך אברהם אבינום חשבונות,
דו אַליין האָסטו דאָך געזאָגט אים,
אַז דו ווערסט אין ארץ כנען
ישׂראלם קינדער פירן,
און מיר וועלן שוין ווי אַ פֿאָלק עקזיסטירן,

און דו האָסט אַליין געהערט
ווי די נאַצים־דייטשן
האָבן גענומען מיט די טרומייטן
שאַלן און זעקס מיליאָן יידן
זיינען אויף קידוש השם געפֿאַלן

און שרייענדיק שמע ישׂראל,
ווען מען האָט זיי אין די קאַלך־־אויוונס
גענומען טרייבן,
האָבן זיי דיר געבעטן
אַז אַ פֿונק פֿון דעם יידן
זאָל אין ארץ ישׂראל פֿאַרבלייבן.

שרעק אונדז שוין נישט מיט קיין סאַנקציעס
און דיסקרימינאַציעס,
און מיט די אייגענע אָרגאַניזאַציעס,

און איצט זיינען שוין געקומען די צייטן,
אַז דו זאָלסט אַלע משחיתים
אויף אַקער־אייזנס איבערבייטן.
אַזוי איז אין ישעיהו קאַפּיטל געשריבן,
און אַזוי איז עס אונדז ווי אַ שטעמפּל פֿאַרבליבן.

לאָז אונדז שוין פֿריי לעבן,
זינגען און טאַנצן,
וועלן מיר פֿון וויסטענישן

וויינגערטנער פלאַנצן.
און דו האָסט דאָך ביי אונדז
דיין משכון, די תורה,
און גיב אונדז אָפּ יעקב אבינוס בכורה:

ווייל אַצינד ווערסטו שוין ניט
האָבן קיין אַנדער ברירה.
און אויך דעם כבוד,
דעם געקרוינטן שטול פון המלך דוד!

מלחמת סיני

מיר האָבן די מלחמה
אין סיני געזען,
מיט וואָס פאַר אַ גבורה
צה"ל איז געווען.

מען האָט זיך גענומען
האַנט ביי האַנט
און אויפגעבראָכן
אַזאַ אייזערנע וואַנט.

מיר האָבן קיין מורא
פאַר אַלע געפאַרן,
מען וועט אונדז שוין דאָ
אין קיין גאַז־קאַמערן נישט פאַרנאַרן.

איך פיל, איך בין העלדיש,
איך האָב גבורה אין מיר,
איצט וועל איך זיך
נוקם זיין אין דיר.

פאַרבלענד זיי די אויגן
מיט אַש און לפידים,
איך בין מיט אייך דאָ
מיינע טייערע זין.

שלאָג גלית דעם פּלישתּי —
האָט געשריגן אַ קול: —
דו מוזט יעצט באַנייען
דעם יחוס פון אַמאָל!

און דאָרט, אויפן באַרג סיני,
שטייט משה רבינו
מיט אונדזער תּורה,
און שרייט: קעמפט מיינע קינדער,
האָט פאַר קיינעם
נישט קיין מורא!

ווייז זיי, ישראל,
דיין אייזערנע האַנט,
מאַך זיי איצט אַלע,
צו שפּאָט און צו שאַנד!

האַק דעם שווערד
אויף באַרג און אויף טאָל:
ווייז זיי די גבורה
פון די מכבייער אַמאָל.

ווי שיין דו ביזט געוואַקסן,
אָט ווי דער טענענבוים,
נישטאָ מער קיין וואַנט
צווישן ירושלים און רוים.

לאָז פאַר זיי אָפּן,
אָט די אַלע קברים,
זאָלן זיי זען
די טויזנטער פּגרים.

דבורה פוס־ליפקינד

ווער רעדט דאָס צו מיר,
מיט אזא פעסטן קול?
דאָס קלינגט אין דיר אָפּ,
דער ייד פון אמאָל.

נישטאָ מער פאַר דיר
קיין באַפעסטיקטער מויער:
באַלד וועט זיך עפענען
פון יריחו דער טויער.

שוואַך איז געוואָרן
דער אמאָליקער נבוכדנצר,
איר וועט באַלד אויך קריגן
די הייליקע פלעצער.

די וועלט זעט איין שוין,
אַז עס איז נישט קיין חלום,
עס איז שוין נאָענט
דער הייליקער שלום.

דער הימל משפט

עס איז היינט אין הימל אַ טומל,
אַ גרויסער יריד
עס איז אַ משפט צווישן אלע
פעלקער פון דער גאַנצער וועלט
מיטן ייד.

און דאָרטן ביי דעם כיסא הכבוד,
זיצן די מלאכי חבלה מיט
די פייערדיקע צונגען,
און מען איז גרייט די
גאַנצע וועלט איינצושלינגען.

און עטוואָס ווייטער פון כסא הכבוד,
זעט מען זיצן אין שיינע ווייכע
פאָטעלן עדהם פון דער גאַנצער
וועלט לענדער.
און דער ייד זיצט איינפאַך,
אָט ווי מען פלעגט אים זען אין שול,
דאווענענדיק ביים סטענדער.

און עס הערט זיך אַ קול ווי
פון פלאַמען און פייער:
זאָגט אייך אַרויס, וואָס עס איז
אייך ליבער און טייער:

וװילט איר איך זאָל מיט דער
אַטאָם-באָמבע חרוב מאַכן
די װעלט ?
אָדער יעדער זאָל זיצן פרײ
אין זײן לאַנד אין געצעלט ?

עס איז נישט דער משפּט װי בײ
אײך דאָרטן אין או"ם,
עס גײט אַלץ צום גרונט
און אַלץ װיקלט זיך גרעסער
דער בונט.
איך הער נאָר ייד, ייד
און עס איז אַ גאַנצער יריד.

און איך בעט, אז אלע עדהם
זאָלן זיך פאַרהאַלטן רואיק
און שײן
װײל איך הער אין אַ פאַרשטיקטן
קול אַ געװײן.

און דעם ערשטן עדות
גיט מען אָפּ כבוד
די קינדער פון דער פאַרװאָגלטער
מלוכה המלך דוד.

און דער ייד גלײכט אויס
זײנע פאַרהויקערטע פּלײצעס
און ער גיט מאַיעסטעטיש
אַ הײב און אַ זאָג :

מען האָט גענוג מיט מײן
בלוט געמיסטיקט די פעלדער,

מען האָט פאַרשלעפּט
מיינע טעכטער שענדן אין די וועלדער,
מען האָט אויף מיר בלוט-בלבולים
געמאַכט.
אין פּנים געשפּיגן און געלאַכט

מיינע קינדער אין צווייען געריסן
און צום טויט פאַרשמיסן,
געברענט און געבראָטן
און אין ליים געקנאָטן,
געוואַנדערט און געליטן
און אומעטום האָט מען מיר
פון דער וועלט פאַרשניטן.

אָבער זעקס מיליאָן מיט איין מאָל,
אַזאַ גרויסע צאָל,
געוואַלד איך בין שוין מיד.
אָבער איך האָב נישט געביטן
דעם נאָמען ייד!

און איצט וויל איך, אַז עס
זאָל פאַרווירקלעכט ווערן
מיין לאַנג-יאָריקער חלום
צו זיצן פריי אין מיין לאַנד,
און לעבן מיט אַלע
פעלקער בשלום.

און שוואַרץ איז גלייך
געוואָרן אין הימל,
און פון אַלע פאָטעלן איז
געוואָרן איין באַרג שימל.

און אַלע עדות האָבן געמיינט
אַז זיי וועלן זיגן.
אָבער דאָ אין הימל טאָר מען

שוין נישט זאָגן קיין ליגן,
און אַזוי פאַרשעמטע נידערט
מען צו דער ערד,

ווייל זיי האָבן געזען, אַז
אין הימל האָבן זיי נישט קיין שום ווערט.

און די אַטאָם־באָמבע גיט
זיך אַ שטעל,
מיט פלאַם פייער און דינאַמיט:
איך וועל עקזיסטירן
צוזאַמען מיטן ייד!

מען האָט מיר נישט באַשאַפן
אין חלום,
מען קען מיר נוצן אויך אין שלום.

און די אַטאָם מיטן ייד,
ביידע צוויי זיגער
ביים כסא הכבוד,
און אויף דער האַרפע שפּילט
אונדזער המלך דוד.

און עם ישראל חי
פאַרהילכן די קלאַנגען,
מיר זענען באַפרייט געוואָרן
פון די פייערדיקע מיילער,
פון די שלאַנגען.

ערב תשעה באב 1957

אויפן וועג פון אַלט ירושלים
הערן זיך שטימען,

דער טומל איז דאָרט זייער גרוים
עס שוועבן די נשמות פון
הר הקדושים דער וועג
איז פאַרנומען דורכאויס.

זיי שטראָמען און שטראָמען,
עס נעמט נישט קיין ענדע,
עס גייען דאָרט פון קליין
ביז גרוים
און מיר האָבן נאָך אַלץ
קיין רו.
דער כותל המערבי איז
פון די רוצחים פאַרנומען
און מען לאָזט קיין לעבעדיקן
יידן נישט צו.

עס איז היינט תשעה באב,
דער חורבן פון בית המקדש,
דער ייד איז פאַרטרויערט,
פון זיין ווונד.
וואָלט כאָטש געווען
פרידן מיט ישראל,
איז נאָך אַלץ דאָרטן אַ בונט.

מיר גייען אַלע צום
כותל המערבי,
פאַר אונדז איז דער פּלאַץ
דאָרט באַפרייט,
מיר ווילן בעטן אַז פרידן
זאָל ווערן,
וועט ווערן זייער לעבן
באַנייט.

נישטאָ שוין קיין גרעסער
געבעט פאַרן יידן.
מיר ווילן זיין די באַשיצער
פאַר זיי,
גענוג שוין אונדזערע
פאַרפּייניקטע נשמות,
מען מוז שוין הערן
אונדזער געשריי.

זיי קומען צום אַריינגאַנג,
דער טויער איז אָפן.
זיי טרעפן שוין דאָרט אין
שוואַרצן געהילט
און ווי זיי טרעפן זיך
פּנים לפּנים וועט איר שוין
איצט באַלד זען דאָס בילד.

ווער זייט איר דאָ?
וואָס איר זייט פריער געקומען
פאַר אונדז איז באַפרייט
דאָ דער פּלאַץ.
מיר זענען די אָבות,
פון דער גאַנצער וועלט יידן

מיר האָבן דעם זעלבן געבעט
און די נשמות פאַראייניקן
זיך צוזאַמען און איינע
די צווייטע געגלעט.
און זיי שטייען שוין אַלע
פאַרטיפט אין אַ תפילה
און צו די הימלען צעשפּרייט
דאָרט די הענט,
און עס גיסן זיך טרערן געמישטע
מיט בלוטן עס רינט שוין
אַראָפּ פון די ווענט.

ביז ווען וועט מען מאַטערן
אַזוי דעם יידן?
מיר בעטן דיר הער איצט
אונדזער געבעט,
גענוג שוין גענוג שוין
אַזויפיל קרבנות
ווערט דאָרטן מיט ציטער גערעדט.

באַפריי אונדזערע קינדער,
פון נויט און סכּנות
דער וועג איז דאָך נאָך
אַזוי גרוים,
ברענג זיי אַהער דאָ
אין ישראל,
נעם זיי אַלע פון גלות אַרוים!

לאָז קיינעם נישט צו
די ערד איז דאָרטן פאַרשאָלטן,
דער רוצח ער שטייט
דאָרט און לאַכט.

און אַזוי ווערן זיי פון דעם
גאָלד מיטן זילבער
ווידער פון רוצח פאַרנאַרט.

זיי האָבן דאָך קיין שולד,
אין ישראל איז קיין פרידן,
אויסגעפינצטערט,
פאַרמאַטערט אַזוי.
עס איז שוין צייט,
אַז שלום זאָל ווערן
זיי דער באַשיצער
פאַר זיי.

עס גייען לעבעדיקע מאַמעס
עס פעלן זיי די קינדער,
דער רוצח האָט אויף
קיין זאַך נישט געקוקט,
געריסן האָט דער רוצח
לעבעדיק די פינגער
ווייל ער האָט זיך צום
צירונג געבוקט...

און די אַלע רוצחים
גייען דאָרט פרייע
נישטאָ קיין משפט פאַר זיי.
ענטפער אונדז ענטפער אונדז,
מיר זענען די נשמות
פאַרפייניקט געוואָרן
פון זיי.

עס איז נאָך אַלץ
טונקל אין הימל.

מען איז דאָרט שטיל
ווי די וואַנט.
אָבער פּלוצלונג זעט מען,
עס ווערט וואָס ווייטער
העלער און מען הערט פון
דאָרטן א שטילן געזאַנג.

און די מלאכים זיי
טאַנצן פון אויבן.

און איין מלאָך האַלט
דאָרט אַ קרוין:
טוט אוים אייער טרויער
זייט אויך פריילעך
גענוג שוין מיט
אייער געוויין.

איר זעט די קרוין,
דאָס איז דאָך ישראל,
די ווערט פון דעם יידן געבויט
נישטאָ פאַרן יידן
אין ישראל קיין סכנות
נישטאָ פאַר אים מער
קיין נויט.

זיי בויען און בויען,
פאַר אַלעמען הייזער.
עס איז דאָך אַלץ
פאַר זיי געגרייט,
און די איבעריקע טייערע
פּלעצער ווערן פון
כל-טוב פאַרזייט.

זיי האָבן אַ לאַנד מיט
אַלעמען גלייך,
נישטאָ שוין קיין עלנד
פאַר זיי
און אין ישראל איז
דער צענטער פון פרידן
דרך־ארץ וועט מען האָבן
פאַר זיי.

נחמו, נחמו עמי
הערט מען פון די נביאים
עס איז דאָך אַ פרידן
געזאַנג.
געוואָרט האָט איר יידן,
שוין טויזנטער יאָרן,
איר וועט שוין נישט וואַרטן
אַזוי לאַנג.

מיר וועלן אייך פון
אויבן באשיצן
אוים מיט מלחמות
ביי אייך,
גוטס און כבוד דאָס
וועט זיין דיין באַצאָלונג
און אין דעם וועסטו
שטענדיק זיין רייך.

און די מלוכות פון דער
גאַנצער וועלט לענדער
שטענדיק וועלן קומען
צו דיר,
דו ביסט דער עלטסטער,

דער עם הספר,
דער דאָקומענט ליגט
שוין ביי דיר.

פאַרשריבן איז דאָרטן
די אַלע רעכטן, דאָס
ליגט שוין אַלץ אין
דיין האַנט,
פאַראייביקט ווערט איר דאָ

פון דער גאַנצער וועלט,
לענדער איר זייט
די יורשים פון לאַנד.

א געבעט ביי אברהם אבינו

איך גנב'ע זיך אריין
אויף די וועגן פון חברון
איינגעוויקלט אין אַ גרויסער פאַטשיילע
און איך לויף שנעל צו
די מערת המכפלה.
דאָרטן ליגן די אבות, וואָס
זיינען פאַרשריבן אין די הייליקע ספרים.
און איך נעם אַרום אַלע זייערע קברים.

קיינער זעט מיך נישט
און קיינער וועט מיר נישט שטערן.
און אפשר איצט וועט מען
שוין מיין בקשה הערן?

טייערער אברהם אבינו
טאַטע פון די אבות,
קענסטו ניט אָפּהאַלטן
די האַנט פון מלאך המות?

דאָ בעט דיך אַ בקשה
אַ מאַמע פון קינדער,
אַ טאָכטער פון ישראל,
זיי שוין פאַר אונדז דער
מלאך הגואל.
האַלט אָפּ די הענט
פון דעם שונא
דערמאָן זיך אויף
דער עקידה.

װען דו האָסט יצחק׳ן
געטאָן פירן.
דו האָסט טאַקע געטאָן
מיט דעם שטאָלצירן.
אָבער אַ מלאך האָט דיר
דיין האַנט אָפּגעהאַלטן
און דער כוח איז אין דיר
געוואָרן פאַרהאַלטן.

און מיר זיינען דאָך דיינע
קינדער וואָס גייען שוין
צוויי טויזנט יאָר אויף
דער עקידה,

זיי זיך מודה.
און זאָג מיר אויס דעם סוד
פון אונדזער ליידן
און ווי אַזוי קען מען דאָס
אַלץ מיט גוטן פאַרמיידן?

טויזנטער יאָרן זיינען מיר
געוועזן פון אונדזער לאַנד
פאַרפלויגן
און איצט האָט מען אונדז
צוריק געצויגן.

דאַרפן מיר זיך נאָך אַלץ
פאַר דעם אומזוירדיקן שונא

קניען און בייגן?
איז ניט גענוג דאָרטן
די זעקס מיליאָן קדושים

מען האָט זיי געהרגעט
שטייענדיק מיט ספרי־תורות
און איינגעהילט אין טלתים.
אַן ביי אָפענע גריבער געשאָסן.
אַז בלוט און טרערן האָבן
זיך ווי קוואַלן געגאָסן.

געוואלד! עס איז שוין
נישטאָ מער קיין כוח.
עס קען שוין נישט אויסהאַלטן
דער מענטשלעכער מוח.
און עס גיסן זיך פון מיר
טרערן קוואַלן
און איך בין אין אָנמאַכט געפאַלן...
און אַ שטראַלנדער געזיכט
נעמט מיר אַזוי גלעטן:

גיי מיין קינד אַהיים,
איך וועל אַלעס פאַר אייך טאָן און בעטן.
עס איז שוין די צייט געקומען
אַז איר זאָלט אַ מלוכה ווערן,
אין דער שטול פון המלך דוד
זאָל צוריק געשטעלט ווערן.

און איך בין אַזוי צופרידן,
און איך לויף אָנזאָגן,
אין ישראל אַלע יידן,

און איך נעם פון שמחה אַזוי שרייען,
אַז אונדזער שטול פון המלך דוד
וועט זיך אין גיכן באַנייען...

א געבעט ביי דער מוטער רחל

ליבע מוטער רחל, געטרייע
ווי קענסטו אין דיין קבר אַזוי רואיק ליגן,
ווען די אַלע רוצחים
האָבן אונדזערע הייליקע פּלעצער געטאָן באַזיגן?
און די אַלט־שטאָט ירושלים
האָבן די מערדער פאַרנומען
אַז מיר קענען אפילו צום
כותל מערבי ניט קומען.

עס ווילט זיך צוגיין צו דיין קבר,
באַגיסן אַביסל מיט טרערן:
מיר זאָגן דעם ריינעם אמת.

און מען וויל אונדז אַפילו נישט הערן.
איז נאָך נישט גענוג אונדזערע ליידן,
מען דאַרף נאָך אונדזערע קרבנות,

גענוג שוין אַזויפיל
יתומים מיט פאַרלאָזטע אלמנות.
פון אונדזערע בלוט און טרערן
קען מען דאָך מאַכן טייכן;
מיר ווילן דאָך אונדזער
צעשלאָגענעם קערפּער אויסגלייכן.

טויזנטער יאָרן זיינען
מיר דאָך געווען פאַרטריבן.

אונ אויף דעם ברוטאַלסטן אופן
אונדזערע לעבנס צעריבן.

מיר קומען פון דער גאַנצער וועלט לענדער
מיר ווילן אונדזער לעבן בייטן,
און פון פרידן געניסן
פאַר יענע פאַרשאָלטענע צייטן.

מיר ווילן בשלום לעבן
מיר ווילן קיינעם ניט באַזיגן,
נאָר אויף אַ פרידלעכן אופן
אונדזערע הייליקע פלעצער קריגן.

טאָ זיי זיך משתדל ביי דעם בורא עולם,
און נאָר דיר וועט ער הערן,
אַז אַלע פּלענער פון שונא
זאָל ער זיי צעשטערן.

מיט דער מוטער רחל ביים כותל מערבי

איך חלום איך בין אין אלט-ירושלים,
מיין האַרץ ציט צום כותל מערבי, דאָרטן אַהין.
ווען איך דערנענטער זיך צו די שטיינער,
דערהער איך דאָרט אַ פרויען שטים.

מיט שטאָלץ און אָן שרעק, איך שטיי ביים טויער,
פון האַרצן רייסט זיך אַרויס אַ געשריי.
איך בעט אייך פאַריתומטע שטיינער, העלפט,
דאָס איז דעם יידנס לאַנגיאָריקער וויי.

און די שטים דערהערט, אָט קומט זי צו מיר נאָענט,
איך ווער פון בענקשאַפט טיף גערירט.
ווער האָט דיר געבראַכט אַהער אין אַזעלכע סכנות?
און ווער האָט דיר, דאָ אַהער געפירט?

זי דריקט מיר צו איר האַרצן, איך פיל אירע טרערן,
זי האָט אויך דעם זעלבן געבעטן.
איך האָב געהערט אויך איר שטימע, —
און ווי זי נעמט אַרום אויך די שטיינער,
און האָט אויך דאָס זעלבע גערעדט.

זי האַלט מיך פעסט אין אירע אָרעמס,
און זי פרייט זיך אַזוי פיל מיט מיר.
איך בין איצט צופרידן פון אַזאַ ליבע,
און וואָלט אייביק געבליבן ביי איר.

אירע געפילן זיינען ווי פון אַ מאַמען,
וואָס האַלט אין אירע אָרעמס איר קינד.
זי נעמט מיר מאַמש דערציילן,
ווי אַזוי זי קומט דאָ אַצינד.

איך בין דיין מאַמע רחל, די מאַמע פון אַלע יידישע קינדער,
אויך איך האָב אין ערגעץ קיין רו,
אַרומגערינגלט איז מיין קבר פון רוצחים,
קיין לעבעדיקן יידן לאָזט מען צו מיר נישט צו.

איך האָב ניט קיין רו, איך קען רואיק אין קבר נישט ליגן,
פאַרוואָס מאַטערט מען מיינע קינדער אומזיסט?
מיין געשטאַלט ווערט נאָס פון די טרערן,
וואָס איר אומעטום פאַרגיסט.

איך זע איר שטראַלנד פּנים מיט אַזוי פיל מוטער ליבע,
דאָס איז שוין איר לעצט געבעט.
די הענט, ווי אַ מלאך צעשפּרייט אין דער לופטן,
און זי האָט דורך איינצלנע ווערטער גערעדט,

וועלט! שוין צייט איר זאָלט אַלע פאַרשטיין מיינע קינדער,
זיי זיינען אויסגעמאַטערט פון זייער צוויי טויזנט יאָריקן וועג.
און אויב איך וועל גאָט, פון דיר קיין ענטפער ניט קריגן,
גיי איך פון דאָס אָרט קיינמאָל אַוועק.

איך הער ווי עס ברעכן זיך אין הימלען שפּאַלטן,
און זי ווערט פון אַ מלאך הייליק געגלעט.
זיי רואיק, מאַמע רחל, באַפרייט זיינען שוין דיינע קינדער,
אַזוי האָט אַ מלאך פון גאָט גערעדט.

די לעצטע טרער

דער שלום איז נאָענט, די הייליקע ערטער וועלן זיך באַפרייען
דאָס וועט שוין זיין דיין לעצטער טרער.
אַלע קינדער פון אַלע לענדער, וועלן קומען אהער.

און עס שטראַלט איר געזיכט, זי איז אין זיך זיכער,
און מיט ליבע ווער איך צערטלעך געגלעט,
מיר שיידן זיך ביידע דורך באַזונדערע וועגן,
און דאָס איז שוין אונדזער לעצטער געבעט.

דבורה פוס־ליפקינד

הר הקדושים

דאָרט אין ירושלים
אויף אַ באַרג פון שטיינער,
פאַרפלאַנצט האָט מען
דאָרטן 6 מיליאָן ביימער

פאַר די הייליקע נשמות
וואָס זיינען דאָ בירגער פאַרבליבן,
יעדער האָט זיך זיין
ביימעלע געקליבן.

עס שוועבן די נשמות
עס כאַפּט מיר אַ ציטער,
איך וויין זיך דאָרט אוים
שווער און ביטער.

איך זע ביימעלעך גרויסע
מיט קליינע צוזאַמען,
איך זע דאָרט אַ קינד
געטוליעט צו דער מאַמען.

ניט געוואָלט מיט דער
מאַמען ביים לעבן זיך צעשיידן.
האָט זיי דער מערדער דערשאָסן ביידן.

איך זע נאָך אַ סך
אין פאַרשידענע טויטן,

די לעצטע טרער

איך לויף אַרום אויף דעם
פּלאַץ דעם ברייטן.

איך זוך מיינע שוועסטער, מיינע ברידער,
מיין טאַטן, מיין מאַמען,
מען ווייזט מיר זיי ליגן
דאָ אַלע צוזאַמען.

און פון גרוים לויפן בין איך
מיד געוואָרן און איך בין
אַנטשלאָפן געוואָרן.

און אין חלום זע איך זיי אַלע ווידער
און איך גלייך אוים מיינע
פאַרבענקטע גלידער.
איך נעם זיי אַרום, איך בין זייער צופרידן,
עס נעמט מיר פון שמחה
די בלוט אַזוי זידן.

און פלוצלונג בין איך
אומעטיק געוואָרן,
עס האָט זיך אין מיר דערוועקט
צום שונא אַ צאָרן.

איך וואָלט אים געביםן,
איך וואָלט אים געשמיסן,
איך וואָלט פון אים איצט
שטיקער געריםן.

עס וואָלט מיר לייכטער געוואָרן
אויף מיין נשמה,
אָבער איך שווער
אייביקע נקמה.

און מיין מאַמע, זי זעט,
איך בין אַנדערש געוואָרן,
זי נעמט מיר אַרום,
און נעמט מיר גלעטן

דאַרפסט זיך מיין קינד,
אַזוי ניט דערשרעקן,
איך דאַרפט מיט ישראל זייער שטאָלצירן,
ווייל דאָ וועט אַזאַ זאַך קיין מאָל פּאַסירן.

אוי מאַמע וואָס רעדסטו,
עס איז יעדן טאָג דאָ קרבנות,
דער שונא פירט אוים זיינע עקשנות.

ביז ווען מאַמע וועלן מיר לעבן אין צאָרן,
און איך בין מונטער געוואָרן.

אָבער מיין מאַמע באַגלייט
מיר מיטן זעלביקן שמייכל,
איך זאָג דיר מיין קינד,
דו זאָלסט האָבן שכל.

וויין שוין נישט מער,
עס איז אַ שאָד דיינע אויגן,
דער שונא וועט זיך קניען און בייגן.
ווייל די צייט איז איצט שוין געקומען,

אייערע וועגן וועלן זיין
באַשאָטן מיט בלומען.
די קינדערלעך וואַקסן,
און זיי וועלן שפּילן און טאַנצן,
שטענדיק וועט מען
ביי אייך בויען און פלאַנצן.

די ביימער וועלן פירות געבן,
און איר וועט אַלע אין פריידן לעבן.
און מיר וועלן אייך פון אויבן באוואכן,
עס וועלן זיין שמחות
און איר וועט זיך פרייען און לאַכן.
דער שונא וועט קיין שליטה נישט האָבן,
און ער וועט זיך אַליין פון שאַנדע באַגראָבן.

דער פאסטוך אין נגב

דאָרט, אויף אַ באַרג אינעם מדבר,
זיצט אַ פּאַסטוך און היט זיין שאָף,
אַזויפיל געדאַנקען גיבן אין זיין מוח אַ לויף.
זיץ איך דען אין ישראל פון וועלכן איך האָב געחלומט אמאָל,
און אַלע זיינע געדאַנקען ווערן אים קלאָר.

ער נעמט אַרום זיינע שעפּסן,
און אַליין זיצט ער אין דער מיט.

ער שפּילט אויף זיין פייפל,
און זינגט צו אַ פריילעך ליד.
עם ישראל חי, שפּילט ער פאַר די שעפּסן,
ער וויל, זיי זאָלן אויך עפּעס פאַרשטיין,

מיינע געטרייע שעפּעלעך שטענדיק זיינען מיר אַליין.
איך ליב אייך ווי קליינע קינדער,
האָט ער צערטלעך די שעפּעלעך געגלעט,
איך בין געגליכן צו דוד המלך,
וועלכער האָט אויך צו די שעפּעלעך גערעדט.

אַוועק זיינען שוין אַזויפיל דורות,
אויסגעמאַטערט בין איך פון גלות וועגן.
ס׳ווילט זיך כאָטש אַביסל רוען,
און אַזוי פאַרלויפן חדשים און טעג.

ער מאַכט זיך אַ גרינעם געלעגער,
און ליגט זיך פריי אויפן גרינעם גראָז,

ער כאַפּט דערביי אויף אַ דרימל,
אַ ווינטעלע דאָרט גלעט אים און בלאָזט.

ער חלומט אַ חלום אַ זיסן,
דאָס פּילט מען פון זיין פּנים אַרויס.
אַ מלאך שעפּטשעט אים אונטער,
דו וועסט אינגיכן גאָר ווערן גרויס.

איך קום אין שליחות פון דוד המלך,
קום פאַסטעכל מיט מיר מיט.
איך וועל דיר דאָרט אויך ווייזן
וואָסערע מתנה פאַר דיר איז גרייט.

און דער פאַסטוך שוועבט אין דער לופטן,
אונטער דעם מלאכס שוץ.
איך וועל פאַר דיר אויפדעקן,
די פאַרבאָרגענע אוצרות אין גוטס.

דער מלאך מיטן פאַסטוך שוועבן ווייטער און ווייטער,
אָט בלייבן זיי אויף אַן אָרט שטיין.
אָט אַהער ליבער פאַסטוך,
וועלן מיר אַריינגיין.

ס׳עפענען זיך טויזנטער טירן,
און דאָס ליכט דאָ, איז גרויס אָן אַ צאָל,
אַ סך מלאכים טוען דאָ זינגען,
ווי זיס עס איז דאָ זייער קול.

דער מלאך רעדט צו מיר צערטלעך,
און ווייזט מיר אָן מיט זיין האַנט.
דאָס איז אַלץ פאַר דיר, פאַר דיר,
ווייל דו זיצט אין ישראל, דיין לאַנד.

ער זעט דאָרט דעם קיסערלעכן שטול פאַרבאָרגן,
דוד המלך, היט אים אַליין.
עס זיצט נעבן אים אַ מלאך,
און נייט אוים אַ גאָלדענע קרוין.

די גאָלדענע פעדים זיי פליען,
עס דרייט זיך הין און
צוריק אין דער האַנט.
און די האַרפע פון דוד המלך,
הענגט אויך דאָרט אויף דער וואַנט.

און אַ פרייד צעגיסט זיך אויפן פאַסטעכלס פנים,
ער נעמט שפילן מיט דער האַרפע אַזוי שיין
סוף סוף מיר האָבן אַ מדינה, מיט אַלע פעלקער צוגלייך.

11 יאר עצמאות

פול מיט לוסט און לעבן
עס ברויזט אין אונדז דאָס בלוט.
מיר זיינען מקבל פנים
די 11 יאָר יום העצמאות.

אין די גאַסן איז דאָך פריילעך,
דער ייד איז פול מיט מוט.
עס איז דאָך ניט קיין סוד,
עס איז יום העצמאות.

מען טאַנצט אין שטעטל, דערפל,
מיט לוסט און מיט געזאַנג.
יעדער איז צופרידן,
מען גייט האַנט ביי האַנט.

די קלאַנגען און געזאַנגען,
עס נעמט דאָך נישט קיין שלאָף,
מען טאַנצט דאָך אין די גאַסן,
ביז דעם גרויען טאָג.

איר קוקט נאָר אָן די קינדער,
אין טאָג פון יום העצמאות.
מיט שטאָלץ און מיט ליבע,
ברויזט אין זיי דאָס בלוט.

עס קומען אַן טוריסטן
פון יעדער לאַנד, אין לאַנד.
מען פאָרט אין די אויטאָבוסן,
עס פאַרהילכט זייער געזאַנג.

עס איז נישט צו דערקענען
דעם ייד פון נע־ונד.
ווייל אין טאָג פון יום העצמאות
פון פרייד איז ער דאָך זאַט.

די שיף האָט קוים געאַנקערט,
צו קומען אויפן ברעג.
און די נייע עולים,
לויפן מיט אַ געיעג.

יעדער וויל געניסן,
דאָס האַרץ האָט נישט גערוט.
מיר זיינען דאָך געקומען
אין טאָג פון עצמאות.

דוד המלך

דאָ אויפן הר־ציון שפּיגלט
אַ פּאָרכטיקע קרוין,
מען הערט אַ שפּילן און געזאַנג,
אָבער שוין נישט קיין געוויין.

איך בין דאָ, מיינע קינדער
ניט ליידיק געזעסן,
ווען דו ביסט געווען אין גלות
אַן דיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

געהאָפט האָב איך אַז דו
וועסט אין דיין היים צוריק קומען,
און אַלע וויסטענישן
פאַרוואַנדלען אין בלומען.

און איצט ביסטו מיט מזל
צען יאָר מדינה,
און די אַלע שונאים קוקן
אויף דיר מיט שנאה.

האָב קיין מורא פאַר
די אַראַבישע מלוכות
און אויף דעם פאַרביסענעם
שונא נאָצער אַנטיאָכוס.

זיי האָבן שוין קיין מאַכט
מער אַ האַנט אויף דיר לייגן,
זיי וועלן קומען זיך
קניען און בייגן.

דו שטאַרקסט דיין האַנט
דו בעטסט ביי זיי שלום,
זיי ווייסן גאַנץ גוט
אַז עס איז מער קיין חלום.

און איצט איז די צייט
דו וועסט שטענדיק זיגן,
און די הייליקע פלעצער
מיט דיין העלדישקייט קריגן.

טאַנצט אין די גאַסן
הענגט אויף די ווייס־בלויע פענער,
זאָל הילכן דער געזאַנג
וואָס וייטער שענער.

עס ישראל חי קלינגט
איבער ימים די טענער
עס איז ביי אונדז
דער לעבן איצט שענער.

עס קומען מלוכות
דיר אָפּגעבן דעם כבוד,
ווייל אין דיר פליסט מיין בלוט
פון דער מלוכה המלך דוד.

ד״ר זאב הרצל

פאַרכישופט די נאַכט,
איז פון דער שטאָט מלכות ישראל.
און דאָרט, אויפן באַרג, וועקט
זיך אונדזער נביא הגואל.

ער נעמט דעם שטעקן אין האַנט —
און קלאַפט איבער די קברים.
ווער עס ליגט, אין מערב, אין מזרח,
צפון און דרום.

שטייט אויף איר אַלע, מיינע העלדישע קינדער.
געקומען איז די צייט מיר מוזן איצט היטן.
גענוג שוין, גענוג שוין,
טויזנטער יאָרן געליטן.

און היינט איז צען יאָר
נאָך דער באַפרייאונגס-מלחמה,
און די אַלע שונאים ווילן,
און שרייען נעמען נקמה.

און אַזוי ווי ביים לעבן,
האָט איר געקעמפט ביי דעם טויער,
מוז מען איצט היטן דעם באַפעסטיקטן מויער.

און טרערן גיסן זיך ביי דעם מנהיג ישראל.
ער זעט אין יום הזכרון

קומען די מאַמעס פון קינדער,
זיי וויינען און שרייען, עס איז נישט קיין וואונדער.

אָבער נישטאָ איצט
קיין צייט פון דענקען און טראַכטן.
מיר מוזן די לעבעדיקע
העלפן באַוואַכן.

און דער געשטאַלט פון דעם מנהיג
שוועבט איבער ישראל,
טרערן פון פרייד מיטן וויטיק צוזאַמען.
מיט זיינע העלדישע קינדער דעם גרענעץ צו צאַמען.

זשאַבאָטינסקי

און געקומען בין איך
אין מיין אייגענער היים,
פאַרלאָזן דעם גלות
אויף אייביק אַליין..

קלייבט זיך צוזאַמען, מיינע ברידער,
זייט יעדער מינוט גרייט,
ווייל שמידן דאַרפט איר אין ישראל
די גאָלדענע קייט.

געקעמפט האָב איך שטענדיק
מיט בלוט און מיט שוויים,
געקעמפט פאַרן כבוד,
פאַר עם ישראל.

פאַריאָגט האָט מען מיך
פון אייגענעם לאַנד,
געשמאַכט אין תפיסה דאָ,
אין עכו ביי דער וואַנט.

אָבער איצט האָט מען מיך געבראַכט אויפן הר הרצל,
צו מיין אייביקער רו.
איר זאָלט קעמפן פאַר כבוד,
און איך וועל אייך העלפן דערצו.

איר זאָלט פאַרן כבוד
אַלץ גרייט זיין צו טאָן,
לעבן אויף אייביק זאָל
אונדזער בלוי-ווייסע פאָן!

דבורה פוס־ליפקינד

ביאַליק

ביאַליק שטיי אויף פון דיין שלאָף
און גיב אויף דער מדינה אַ קוק,
ווייל אין דיינע לידער באַוויזן
איז דאָס אַלעס.
און פון דיינע אויגן גיסט
זיך טרערן און בלוט.

געטרוימט האָסטו שטענדיק
מיט האָפענונג און ליבע,
אַז קומען וועט נאָך דער טאָג,
אַז באַפרייט וועלן ווערן
די גלות-לענדער און פון
אַ היים שוין נישט האָבן קיין זאָרג.

געווען ביסטו אַ טרייסטער אין
יענע מאָמענטן ווען דער ייד
האָט מיט טרערן געזייט.
און איצט זע דיין מדינה
מיט מיליאָנען יידן,
נישט צעריסן איז די
גאָלדענע קייט.

עס איז 10 יאָר עצמאות היינט
עס איז דאָך אַ יום־טוב אַ פרייד.
זאָל שוועבן אויך דיין נשמה
מיט אונדז צוזאַמען, זיי מיט אונדז
נישט געשיידט.

זע די שטאָלצע מדינה,
זי איז גלייך מיט אַלע
אָנגעטאָן אין ווייס-בלויער קלייד,
מען טאנצט אין די גאַסן
עס קלינגען די קולות
ווער קען זיך גלייכן צו אונדזער פרייד.

עס קומען מלוכות פון אַנדערע לענדער
ווינטשן צום היינטיקן טאָג,
אַז שלום זאָל ווערן זאָל
אַראָפּ אונדזער לאַנגיאָריקער זאָרג.

און אַז עס וועט קומען דער
הייליקער שלום איבער דער גאַנצער וועלט.
פרייען וועלן מיר זיך
אַלע אין אונדזער קליינעם געצעלט.

איך זע ביאַליק אין דיינע אויגן
פריידן טרערן,
וואָס פון דעם הייפּעלע יידן,
אַזאַ מעכטיק פאָלק איז געוואָרן,
עס איז פריילעך אין די גאַסן,
צבא הגנה טוט מאַרשירן.
דו וואָלסט איצט געקענט
אַזויפיל שטאָלצירן.

מען קומט פון איבער ימים
פון פריידן געניסן,
אַז פאַרווירקלעכט איז
געוואָרן דער חלום
דעם זיסן.

דבורה פוס־ליפקינד

נאַפט אין חלץ

נאפט אין חלץ טאַנען קוואַלן
גיסן זיך ביי אונדז,
נאַפט צו קויפן ביי פרעמדע לענדער,
איז דאָך נישט קיין קונץ.

איז דאָך ישראל ארץ, זבת, חלב,
און אויך זיס ווי דבש,
מיר האָבן אונדזער מדינת ישראל,
מיר זיצן נישט אין גאַס.

אונדזער ערד פון ישראל
האָט אונדז נישט גענאַרט,
זיצן זאָל מען אויפן פלאַץ
און איך גיב אייך נאַפט.

מיטן נאַפט זאָלט איר זיך פרייען,
אַפילו ווען ער איז שוואַרץ,
איך האָב אין זיך אַ סך אַרטיקלען,
איך האָב אייך נישט גענאַרט.

גראַבט מיר, גראַבט מיר,
ליבע קינדער, איך וועל אייך פאַרשטיין,
באָדן וועט איר זיך אין נאַפט,
וועט איר אויסזען שיין.

ווייל פאַר נאַפט בוקן זיך פעלקער
פון דער גאַנצער וועלט,
און פון דעוויזן זאָלט איר נישט קלערן,
ווערט איז אייער געלט.

און פאַר אייער פונט וועט מען זיך בוקן,
דער דאָלאַר וועט שטיין אין זייט,
ווייל געקומען איז די ישועה
פאַר יענער שלעכטער צייט.

טאַנצט אויף מיר, ליבע קינדער,
איך ליב אייך צו דער זאַט.
זינט איר זייט צו מיר געקומען
בין איך נישט נע ונד.

אַז געסט וועלן צו אייך קומען,
זייט זיי מכבד נאָר מיט נאַפט,
דאָס איז בעסער און געשמאַקער
פון דעם בעסטן זאַפט..

נישט נאָר אין חלץ זאָל איר מיר גראָבן
נאָר אין גאַנצן לאַנד,
אונטן איז דאָ אַ סך קוואַלן,
עס איז נאָר באַדעקט מיט זאַמד.

און איר, מיינע וואַנדער־יידן,
עס איז שלעכט דאָ אין געצעלט,
איר ווילט נאָך פּרובירן דעם וואַנדער־שטעקן,
און פאָרן ווידער אין דער וועלט?

זיצט אייך, זיצט אייך אויף די פּלעצער,
עס איז דאָך נישט שיין,

געדענקט, איר וועט חרטה האָבן
און דער געוויסן איז נישט ריין.

קוים דערלעבט האָט איר ישראל,
צוויי טויזנט יאָר געוואַרט,
אָבער ישראלס גוטע ערד,
האָט אייך נישט אָפּגענאַרט.

ערד פון ישראל

איך, ערד פון ישראל,
בין פאַרשטיינערט געוואָרן,
צייט ישראלס קינדער
זענען פאַרוואָגלט געוואָרן.

איך בין פאַרוויסטעט געווען
צייט טויזנטער יאָרן,
און קיינער איז אויף מיר
קיין באַלעבאָס נישט געוואָרן..

איך האָב געשריען,
איר זאָלט אויף מיר
נישט בויען און נישט זייען,
איך וועל קיינעם פון איך נישט דערפרייען.

איך בין אַזוי רייך,
איך האָב נישט געוואָלט אַרויסווייזן,
עס ליגן אין מיר נאַפט,
מינעראַלן און אייזן.

מען האָט מיך געגראָבן,
איך האָב זיי נאָר זומפּן געמאַכט
און איך האָב זיי
אַלעמען אויסגעלאַכט.

איך האָב געוווּסט,
אַז איר גייט אַדורך שבע מדורי גיהנום,

אָבער אַן אַ באַשטעטיקונג
האָב איך אייך קיינעם געקאָנט נעמען.

ווען די תפילה פון דאָקטאָר הערצלען
איז אָנגענומען געוואָרן,
דאַן איז מיר שוין אויך
פריילעכער געוואָרן.

דאַן האָט גענומען פון מיר אַרויסשרייען
די בערג פון גליל און ירושלים,
קומט מיט אַקער־אייזנס,
אָבער נישט מיט כלי זין.

איך ווייס, איר האָט גענומען טריקענען די זומפּן
און אַרבעטן מיט בראָנעס,
און מען האָט אייך געשלאָגן
אָן אַ רחמנות..

קומט פון אַלע לענדער.
איך וועל אייך אויפנעמען
און איר וועט זיך קיינמאָל
נישט דאַרפן פאַר דער וועלט שעמען.

באַאַרבעט מיין ערד
און איך וועל אייך געבן מיין ברכה,
און איר וועט האָבן
די גרעסטע הצלחה.

ווען איר קומט שוין צו מיר,
זאָלט איר זיך נישט שרעקן,
זאָל זיך אין אייך
דער אידעאַל זיך דערוועקן.

שטייט נישט דערשראָקן
און שטייט נישט פאַרקלעמט,
איר זענט שוין אין דער אייגענער מדינה
און אין אייזערנע ווענט.

אַנטלויפט נישט פון דאַנען
מיט דעם גלות שטעקן
איר ווילט ביי דער וועלט
רחמנות אויפוועקן?

איר קומט צו דעם נאַצי
יעצט בירגערשאַפט בעטן,
ער וועט אייך פאַרסמען,
ער וועט אייך צוטרעטן.

זוכט יעצט קיין משיח
ער איז שוין געוועזן
איר האָט אַלע דעם דאָקטאָר הערצלס
שריפטן געלעזן.

צו וועמען האָט איר טענות
און פאַרוואָס זאָלט איר זיך קלעמען,
נעמט פאַנאַנדער אייערע הענט,
און צו דער אַרבעט זיך נעמען.

קיינער וועט שוין פון אייך נישט לאַכן
און קיינער וועט אייך
מיט דער האַנט
נישט אַוועקמאַכן.

זאָל טאַקע די וועלט זען,
אַז איר זייט אַ פאָלק שטאָל און אייזן,

איר וועט קיינעם נישט דאַרפֿן,
איר וועט זיך אַליין באַשפּייזן.

און איר, מיינע שכנים,
וואָס טוט איר זיך קלעמען,
איר ווילט ישראלס קינדער
נישט אָנערקענען!

ער איז נישט ישראל, וואָס
געוועזן פּאַרצייטן,
אייער מיינונג וועט זיך
צום גוטן בייטן

ער איז שוין גענוג
אָפּגעקומען פֿאַר זיינע חטאים
און אויך פֿאַר דער בכורה
ער האָט שוין פֿאַר קיינער קיין מורא.

ער איז שוין ביי מיר
און איך האָב אים אַריינגענומען
אין ראַמען
קיינער וועט אים שוין נישט פֿאַרדאַמען.

איר האָט דאָך איין גאָט
און איר זייט דאָך ברידער
ער איז שוין נישט מיט קיין
צעבראָכענע גלידער.

איר וועט דאָך אויך פֿון אַ נייעם
לעבן געניסן,
ווען איר וועט מיט ישראל
שלום שליסן.

אונ סוף סוף וועט צו שלום
דערפירן
און ער וועט אייך מיט זיין
קלוגשאַפט באַצירן.

ישראלס קינדער וועלן פעלדער באַארבעטן
און עס וועלן זיך פירן מסחרים
פון מזרח ביז מערב
פון צפון ביז דרום.

און שיין איז דאָס לאַנד
און עס שווימען די שיפן,
די צייט איז פריי פאַר שלום
און צום גוטן געניסן..

עס איז נישט קיין חלום,
עס איז נישט קיין דראַמע,
די קינדער זענען געקומען
צו זייער אייגענער מאַמע.

דבורה פוס־ליפקינד

ירושלים

הארציקע ירושלים, דו פארנעמסט ביי אונדז
דעם אויבן אָן.
אויסגעקליידט ביזסטו מיט פריידן
אין דער ווייס־בלויער פאָן.

און מיר פרייען זיך דאָך אַלע,
עס קוקט אַרויס דער אַלטער חן
און עס קושן דיינע שטיינער
פון גרויס ביז קליין.

און עס פרייען זיך די דורות,
וואָס אַוועק פון אונדז שוין לאַנג,
און מען הערט אַפילו פון די קברים,
דעם פאַרבענקטן ציון־געזאַנג.

מיר וועלן זיך פון דיר נישט שיידן,
אייביק בלייבסטו שוין ביי אונדז
שלום, שלום, זאָל שוין ווערן
נוצן זאָל מען דיר שוין מיט געזונט!

אויסגעוויינט איז יעדער ווינקל,
וווּ מען גיט אויף דיר אַ טראַט,
און באַפרייט האָט מען דאָס אַלץ
מיט דער הילף פון ליבן גאָט.

און אַזוי פיל יונגע קעמפער,
זענען אַוועק אויף קידוש השם,
און ביז ווען וועט מען אונדז האַלטן אַזוי,
אין ציטערניש און אין קלעם.

געננוג אַזוי פיל בלוט פאַרגיסונג,
צו אַלעם איז דאָך דאָ אַ ברעג, אַ גרונט.
זיי זענען דאָך אויף דיר קיין בעלי־בתים,
שטענדיק איז געווען דעם יידנס פונק.

ירושלים! דו ביסט נישט איינזאַם,
וויפל מיר האָבן נאָך דיר געבענקט,
עס וועט אַוועק אַ פּאָר דורות
און דו וועסט פאַרבלייבן אייביק געקרוינט.

קינדערלעך, עס איז קיין חלום,
עס איז אַלץ אויף דער וואָר,
מיר מוזן דעם ליבן גאָט דאַנקען און לויבן,
וואָס דערלעבט האָט דער דור..

דער פּרוש פון אונדזער שול

און עס חלומט מיר,
איך זע ביי אונדז אין שטוב מענטשן פול
און אויך צווישן זיי,
דער פּרוש פון שול.

און האַלט אַזאַ גרויסן ספר
אין האַנט
און זיין פּנים איז בלייך,
ווי די וואַנט.

ער מאַכט אויף דעם ספר
און בלעטערט איין בלאַט נאָכן צווייטן,
דאָס איז געווען אַמאָל,
אַמאָל, פאַרצייטן.

פאַרשריבן איז דאָרטן
דער טאָג פון גאולה
און דער טאָג
איז שוין געקומען.

דאָ איז אַלץ פאַרשריבן, אַז ישראל וועט באַזיגן
דעם שטאַרקסטן שונא, וואָס וויל אומברענגען
די וועלט.

דאָ וועט נישט פעלן,
קיין חניפה און געלט.

ישראל איז איצט
געוואָרן איבערגעבוירן

און עס ברענט אין אים
אַ פייערדיקער צאָרן.

און דאָס אַלץ,
זאָלסטו געדענקען גוט,
עס וועט זיך שוין נישט מער גיסן
קיין טרערן און קיין בלוט.

קיין מלחמות,
וועט שוין ביי אייך נישט זיין
איר זענט שוין
אין דער הייליקער ירושלים אַריין.

און די שריפטן זענען צו דיר געקומען
נאָך אַ לאַנג־יאָריקן וויי,
און דו האָסט געבעטן די אבות,
אַז העלפן זאָלן זיי.

זיי קענען גיכער
געבן אַ באַפעל,
אַז פון אייערע שונאים,
זאָל ווערן אַ תל.

דו נעם צונויף
די אַלע דיינע שריפטן,
זיי וועלן נעמען אַריינקלערן,
און זיי וועלן ווערן פאַרניכטן.

דו האָסט אַ הייליקע שליחות,
דו האָסט באַוויזן אין האַנט,
מאַך זיי אַלעמען
מיט דעם באַקאַנט.

איר זייט שוין ארוים
פון אַלע געפאַרן,
מען וועט אייך שוין
מיט גאָרנישט פאַרנאַרן..

די שופרות ווערן
ביים כותל מערבי געבלאָזן,
איר זאָלט ירושלים
נישט פאַרלאָזן!

און יעצט
האַלט דעם שונא אין קלעם
גאָר אין גיכן,
וועט וואָס געשעען.

זיי וועלן
זיך קומען
צו אייך בעטן,
זייער לעבן צו רעטן.

די גאַנצע וועלט קוקט איצט מיט ציטער,
וואָס מיר האָבן רעכט אַלע,
ווייל זיי וויסן אויך,
אַז עס איז געקומען די גאולה.

און דערפאַר ווילן זיי יעצט
אַלץ אַרויסרייסן פון אייער האַנט,
איר זאָלט ווידער
בלייבן אָן אַ לאַנד.

אַלץ, וואָס איר האָט אין האַנט,
זאָלט איר פעסט האַלטן,

איר זאָלט אויסהאַלטן,
דעם קריג, דעם קאַלטן.

עס איז מקוים געוואָרן
פון תנ"ך די נבואה
און דאָרטן איז פאַרשריבן
אויך די שבועה.

די מלחמה איז באַזיגט געוואָרן
דורך ישראלס קינדער,
דאָס איז נישט
קיין וווּנדער.

געוואַרט האָט איר קינדער,
הונדערטער יאָרן לאַנג,
אָבער יעצט איז דאָס אייערס,
איר זייט די יורשים פון לאַנד.

דבורה פוס־ליפקינד

דער משכן הכנסת

עס איז אין ישוב אַ שמחה, אַ פרייד
מען פאַרט נאָך אין ירושלים
אָנצוקוקן דעם משכן,
דעם נייעם.

און עס קומען אויך געסט
פון אַלע עקן וועלט,
צו געבן זייער ברכה
דעם יידנס געצעלט.

און פון געסט איז דאָרט
איבער פול,
יעדער פאַרנעמט
דעם בכבודיקן שטול.

און די גברת ראָטשילד,
זי שטראַלט דאָרט פון פרייד,
מען הילט איין דעם משכן,
אין דער וויים־בלויער קלייד.

זי זאָגט, אַז דער געדאַנק
האָט איר נישט גענאַרט,
זי האָט אויף דעם
שוין אַכט יאָר געוואַרט.

און אונדזערע שונאים,
די שכנים, זיי קוקן מיט קנאה,
עס ווערט נאָך ביי זיי,
גרעסער די שנאה.

זיי פרעגן גלייך
אין דעם וואַטיקאַן,
צי איז אויף דעם,
אַן עצה פאַראַן?

נו, וואָס קען דער וואַטיקאַן
זיי זאָגן,
אַז מיר טוען יעצט
אַן אייגענע מדינה פאַרמאָגן.

זאָל געפירט ווערן די כנסת,
מיט קלוגשאַפט און טאָלק,
אַז קיין קנעכט זאָל נישט זיין
דאָס פשוטע פאָלק!

דבורה פוס־ליפקינד

א י י כ מ אַ ן

שלום איכמאַן, וואָס מאַכסטו חבר,
אין אונדזער יידישער מדינה?
פאַר דיינע גאָלדענע צייטן,
האָט זי געהייסן פאַלעסטינע.

אויסגעלאָזט צום יידן
אַלעם בייזן,
דו האָסט געוואָלט מיט דעם,
די יידישע פראַגע לייזן.

אַ שותפות געמאַכט
מיט דעם מופטי פון ירושלים,
צו וואַרפן דעם יידן,
מי באש, ומי במים.

נו, דערמאַן זיך כאָטש,
בלוט דורשטיקער מערדער,
ווי די פיצלעך קינדער,
ווען דו האָסט זיי פון די מאַמעס הענט געריסן,
און דו האָסט דיינע ליפן,
פאַר ווילטאַג פאַרביסן.

אַלע אויוונס און די קרעמאַטאָריעס
געלאָזן אין שנעלן גאַנג,
דו האָסט געשריען: עס איז אַ שאָד די צייט!
דו, מערדערישער שלאַנג.

נו, ווער מיינסטו, וועט דיך משפטן,
און ווער וועלן זיין דיינע עדות
פון דיינע פאַרברעכנס?
דיינע אייגענע קרבנות,
וואָס געפּאַקט האָסטו זיי
אין גאַנצע וואַגאָנען.

און דאַן האָסטו טאַקע גאָרנישט געטראַכט,
אַז אין מיטעלן מזרח,
וועט ווערן
אַ יידישע מדינה אויפגעבראַכט.

און ווו זענען יעצט דיינע מעדאַלן,
דיין נאַצישער אוניפאָרם?
ווי אַ פחדנישער הונט דרייסטו זיך,
אין דיין פאַרשפאַרטער קאַמער, ווי אַ וואָרעם.

ווי אַ פחדנישער הונט האָסטו זיך אויסבאַהאַלטן
פון אַ גערעכטן מישפּט צו כפרה.
אָבער סוף סוף איז געקומען
אויף דיר די צרה.

דיינע קרבנות האָבן געוואָרפן אויף דיר די נעץ,
און ווען מען האָט דיך אין עראָפּלאַן אריינגעזעצט,
דאַן האָט שוין דיין געדאַנק דיר נישט גענאַרט,
אַז דו ווערסט אין ישראל אין טורמע געבראַכט.

נו, ווער מיינסטו, וועט דיך יעצט מישפּטן, יידן, יידן!
ביזסטו פון דעם כאַטש צופרידן?
נו, האָסטו זיך אַמאָל פאַרגעשטעלט און געגלויבט,
אָבער וואָס ציטערט דיין הינטישע הויט?

נו, אפשר וועסטו זיך אַליין אויסקלייבן דעם טויט?
נו, ענטפער, דאַרפסט זיך נישט שעמען, זאָג, זאָג.
צי זאָל מען פון דיר רייסן שטיקער,
אָדער לעבעדיק פאַרברענען?

נו, צי ביזסטו שוין גרייט צו גיין צום טויט?
ענטפער, עפן דיין מויל. גיב דיין שטימע,
אָבער דאָס איז שוין פאַר דיר גענוג,
אַז מישפּטן וועט דיר אונדזער יידישע מדינה!

נ אַ צ ע ר

אך דו אבדול נאַצער,
מיט דיין גרויסן פּראַכט,
ווער האָט דיר איצט
פֿאַר אַ גרויסן מענטש געמאַכט.

און אויף יעדער וואָרט,
און אויף יעדער עצה
מוז איך שטיין דערביי
ביי דיין ברייטע פּלייצע.

אָט מיט דעם סועץ-קאַנאַל
זאָלסטו זיך פעסט האַלטן,
אַז נישט וועט קומען ישראל,
און וועט אין צווייען שפּאַלטן.

אָט קוק אים אָן ישראל,
די גרוים דאַכט זיך ווי אַ פליג,
נאָר ריר אים נאָר אָן,
האָב איך מורא פאַר אַ קריג.

אָט ווי אויף אַ קליינעם קינד
מוז איך אויף דיר וואכן,
אויב ניט? וועט מען דאָך מיר אליין
אויסלאַכן.

און דאָרט אין סיני,
געגעבן דיר אַזאַ פאַרמעגן,
און מיט מיינע זעלנער,
באַזעצט דיר ביי די ברעגן.

פופציק טויזנט זעלנער
האָסטו פון דיינע מאָביליזירט,
און דו האָסט אַנטקעגן מיר
אַזוי פיין שטאָלצירט.

אַט טו אַ קוק אין ישראל
איז דאָ אַ סך פאַרטייען,
וואָס איינער דעם צווייטן,
טוען זיי דעם קאָפּ אָפּדרייען.

און ווי זיי האָבן נאָר
די געווער אין סיני דערפילט.
אַזוי האָבן זיי מיט דיר
אַ מלחמה גלייך פאַרפירט.

און ווי נאָר ישראל,
האָט די פיס אַריינגעשטעקט,
אַזוי האָט ער דיינע זעלנער
מיט קברים גלייך באַדעקט.

און פון מיינע זעלנער
איז אויך
קיין זכר נישט געבליבן,
און צוליב דיר,
אויך דעם טויט געקריגן.

און אַזאַ פאַרמעגן

האָבן זיי אין סיני צוגענומען,
און דיין קריגס־שיף,
איז אין די הענט אַריין געשווומען.

איך אַליין האָב אויך
שוין מורא ווי פאַר פייער,
ווייל געצאָלט האָב איך
דעם מאָל זייער טייער.

טאָ לאָמיר זיך ביידע
איצט ביי איין זאַך האַלטן,
ווייל וויפל קען מען פירן
אַ מלחמה אַזאַ קאַלטע?

ווען מיר זיצן אין „אונאָ",
קוק נאָר אויף מיין ווונק אין פּנים,
ווייל די גאַנצע וועלט,
איז דאָך מיר גרויסע שונאים.

דו מיינסט זיי האָבן נישט קיין רעכט,
זיי ווילן אַלע פרידן,
אָבער מיר ביידע
ווילן פאַרניכטן דעם יידן.

זאָג נאָר, אַבדול נאַצער,
וואָס וועט אַרויסקומען פון אונדזערע דעבאַטעס,
זיי האַלטן דאָך אונדז ביידן
פאַר די גרויסע שמאַטעס.

און אין בית דגון
איז די אויסשטעלונג פון געווער געקומען,
און זיי ציינגן איצט די פאָלק,
וואָס זיי האָבן צוגענומען.

אונ מיט פרייד און שטאָלץ,
טוען זיי אַלץ באַוואַכן,
און עס שטעכט מיר אין מיין האַרץ,
ווי זיי טוען זיך פרייען און לאַכן.

און ווי איך טו און קלער,
גייט מיר באַרג אַראָפּ
און איך גלויב, אַז מיין קויל
וועט נישט אויסמיידן דיין קאָפּ.

דער קיסר כוסיין

ווו ביזסטו,
קייסערל כוסיין?
ווער האָט דיר אָנגעטאָן
דיין גאָלדענע קרוין?

דו נעם יעצט באַטראַכטן
פון יעדער זאַך,
ביזסטו פאַרבליבן
דער קיסר פון שאַך.

דו האָסט שוין פאַרלוירן
דיין גאַנצן גליק,
ווייל דיין מלוכה איז באַשטאַנען
בלויז אויף פּאָליטיק..

דו האָסט שטאָלצירט
מיט דיין לעגיאָן,
און ווי אַנטלאָפן זענען זיי פון צה״ל,
ווי אַ דערשראָקענער האָן.

נעם און באַטראַכט,
פון וואָס וועסטו יעצט לעבן,
און ווער וועט דיר
ברויט יעצט געבן.

דיינע אַלע גוטע פריינט,
וועלן דיר ווערן שונאים,
ווייל איר האָט דאָך קיינער,
קיין מענטשלעכן פנים.

דו וועסט יעצט מוזן אַליין
אויסטאָן דיין קרוין,
ווייל צו אונדז געהערן
ביידע זייטן פון טייך ירדן.

די אַלט־שטאָט ירושלים
ליגט איצט אין אונדזער האַנט
פריידן־טרערן גיסן זיך
ביים כותל, די פאַרהייליקטע וואַנט.

אַלע טויערן זענען אין ירושלים אָפן, פריי,
און אַ צוטריט צו אונדזערע הייליקע קברים,
און אומעטום איבעראַל,
און דו וועסט מוזן גיין צו דיין טייערן טאַלאַל.

די ווייסע טויב פון שלום

די טויב די ווייסע,
דער סימן פון שלום,
זי קומט צו מיר אין שלאָף,
און איך זע איר אין חלום.

ווי זי שפּרייט אויס די פליגלען,
זי טוט זיך ביי מיר בעטן,
מען זאָל איר אַביסעלע
צערטלען און גלעטן.

געפלויגן בין איך איבער אַ סך לענדער,
געוואָלט די נעסטן דאָרט בויען,
מיין קאָפּ זאָל זיך
אַביסעלע רוען.
און ווי איך קום אין אַ לאַנד
דאָרט צו פליען,
קנאַלט דאָרט מיט באָמבעס,
דער פייער טוט גליען.

איך בעט זיי מיט רחמים,
אַז דער שלום איז בעסער,
ווערט די רציחה,
דער פייער נאָך גרעסער.
זיי שרייען מיט קולות,
אַז אַ מלחמה זאָל ווערן,

ווען מיר ישראל דעם
קיום צעשטערן.

געהערט דעם וואָרט,
ישראל געוואָלט זיך דערוויסן,
פאַרוואָס איז די שנאה צו ישראל,
אַזוי גוואַלדיק צעריסן.
און איצט איז מיר
אַלעם קלערער געוואָרן,
אַז ישראל וויל מיט שלום
פאַרברענגען די יאָרן.

און דאָ וועט מיין היים אייביק פאַרבלייבן,
איך וועל נישט דאַרפן
איבער לענדער זיך מער
אַרום טרייבן.
און די טויב שוועבט,
צופרידן פון אויבן,
און פון שמחה איז זי
דערהויבן.

און זי טוט מיט ישראל
אַ קאָנטראַקט שליסן,
אַז פאַרווירקלעכט
איז געוואָרן דער חלום דעם זיסן.

ז ק ר

1

און עס קלינגען טרויער־גלעקער
ווו ביזסטו שיפל דאַקאַר?

2

עס איז דאָך קיין שפור קיין סימן
וועט מען דיר נאָך אויסגעפינען?

3

ווו ביזסטו אַזוי פאַרשוווּמען?
האָט דער ים דיר צוגענומען?

4

איז דאָס שייכות צו מלחמה,
נעמען וועלן מיר נקמה!

5

זאָג נאָר ים, דו ווילסט נישט זאָגן,
ווו האָסטו דאָס שיפל פאַרטראָגן?

6

דו האָסט זיי מיט כוח אַוועקגעריסן,
האָסטו דאָס נישט אויף דיין געוויסן?

7

וואָס האָבן זיי געטאָן דיר שטערן,
דאַרפסטו דיינע פיש אין ים ערגערן ?

8

אַזוינע לעבנס זים און טייער,
דו ביסט דאָך ערגער ווי אַ פייער !

9

ווער זייער לעבן זיך אָפּרופן,
ווער מען אויפהערן צו זוכן ?

10

און עס האָט דאָך נישט קיין זינען,
מען מוז זיי אַלעמען געפינען.

11

עס שטייען עלטערן און וויינען,
נאָך אלמנות מיט יתומים.

12

עס וויינט דאָס לאַנד מיט ביטערע טרערן,
איך בעט דיך, ים, האַלט זיי ביים לעבן !

13

אָך דו ים, דו ווייסט דאָך אַלעס,
זאָלסטו זיי רעטן פון די כוואַליעס !

14

איך בעט דיר, ים, האַלט זיי ביים לעבן,
דו זאָלסט זיי אַלע אַרויסגעבן !

15

אָך, דו גאָט, דו ביזסט דאָך איינער,
ווייטער העלפֿן, קען אונדז קיינער!

16

זיי האָבן דאָך אויף זיך קיין זינדער,
זיי זענען דאָך אונדזערע בעסטע קינדער!

17

אָפּצוהיטן דעם שלום ווייטער,
אין ישראל דער באַנייטער!

אַ האַרץ פון אַ יידישע מאַמע

וואָס וויל מען סוף סוף האָבן פון אונדז,
מיר בעטן דאָך בלויז פרידן,
איז דען אַ זינד אויף דער זינדיקער וועלט,
אַז געבוירן זענען מיר יידן?

מען וועט נישט באַדאַרפן קיין ביקס און קיין שווערד,
די וועלט מוז ווערן איבערגעבוירן,
מיר מוזן איצט האָבן רו פון איר,
נישט אויסגיסן אויף אונדז סתם אַ צאָרן.

מיר האָבן קיין ערד נישט פאַרכאַפּט פון דער וועלט,
זי איז פון פאַרצייטן אונדזער ירושה,

און אַז באַקומען איר סוף סוף צוריק
דורך העלדישקייט,
איז עס נישט קיין בושה.

אין וויגעלע מיין מאַמע,
איינגעוויגט מיר מיט ציון און ירושלים,
וועסט אויסוואַקסן גרוים, מיין קינד,
און געניסן וועסטו פון אַ לעבן אַ נייעם.

וויפל צרות איך בין דורכגעגאַנגען,
ביז כ'האָב דערזען די ברעגן,
דורך בלוט און טרערן געקומען אַהער,
נישט באַשאָטן געווען מיט בלומען די וועגן.

דאָס זענען שוין די לעצצטע רציחות
פון אַלע אונדזערע שונאים,
זיי וועלן קומען בעטן ביי אונדז פרידן
מיט אַ פאַרדעקטן פנים.

קיינמאָל וועל איך פאַרבייטן מיין נאָמען ייד,
געצאָלט פאַר דעם גענוג טייער,
גזירות, רציחות געליטן לאַנג,
טויזנטער יאָרן געוואָרפן מיר אין פייער.

יעצט איז די וועלט געשפּאַנט צוליב מיר,
צוליב דער קליינינקער פליג,
פאַרבליבן געשפּאַנט וועט זי אַזוי לאַנג,
ביז עס וועט ווערן אַ זיג.

איך האָב נישט קיין רו, עס נעמט מיר נישט קיין שלאָף.
עס איז גאָרנישט קיין וואונדער,
אַ האַרץ פון אַ מאַמע שרייט דאָ אַרויס,
ווו שטייען יעצט מיינע קינדער?!

גענוג שוין די שווערדן געשאַרפט אַזוי לאַנג.
עס מוז דאָך אַן ענדע נעמען.
פון וועמען וויל מען צאַפּן דאָס בלוט,
זאָגט אַליין: פון וועמען? פון וועמען?

זעקס מיליאָן מיט איין מאָל אָן רחמנות,
האָט מען פון מיר צוגענומען,
אָבער איצט וועט אַן ענדע ווערן צו אַלץ!
דער פרידן וועט דאָך מוזן קומען!

איך בין שוין נישט דער ייד, וואָס אַמאָל איז געווען,
יעדער האָט אַמאָל געטאָן אויף מיר רייטן.

דאָס לאַנד איז שוין אָבער באַארבעט פון מיר,
איך קען זיך נישט שעמען פאַר לייטן.

דאָס איז שוין דער לעצטער בים פון דעם שלאַנג
און ער וועט אונדז שוין מער נישט בייסן,
ער וועט זיך קלאַפּן קאָפּ אין דער וואַנט
און איינער דעם צווייטן צערייסן!

יונת השלום

יונת השלום
עפה במרומים,
ופה בישראל
היא בונה הקנים.

שלום ישראל
באתי לגדל
פה את בני,
יחד נשמח בהר ובגיא.

השלום השלום
הוא קרוב אליכם,
זה יהיה תגמול
בעד הצרות שלכם.

מפני שאדמת ישראל
היא הכי הקדושה,
מאבות אבותכם
היא הירושה.

ובפי בשבילכם
זאת היא הנבואה
אף אחד לא יקח
את אדמתכם הזרועה,

שיצמח ויגדל
השדות הזרועות
שעבדו אצלכם
הידים הברוכות.

וזה כל הכבוד
בשביל עם ישראל,
הרוצה השלום
והמלאך הגואל.

שלום שלום
פרחי השדות,
בודאי אתן
גם כן פוחדות.

מאנשי האויב
הבאים להרסו,
לגנוב ולגזול
מה שבא בידו.

היד הארורה
כבר תפסיק
את הכול,
שומר ישראל
תשמור בכול.

והם ארורים
לעולם יהיו,
ובניהם לעולם
לא יגדלו.

מה יפית ישראל
בעיני כל העמים,
וזה להודות
לאל במרומים.

ועם ישראל
נתיני אזרחים,
לכל נדחי ישראל
ברוכים הבאים.

בצל קורותי
באדמתנו הקדושה,
השלום השלום
היא הקרובה.

בגיל ושמחה
נשמח כל העם,
בירק פרחים
בביתנו ובגן.

כי ציפינו לזה
במשך כל הדורות,
לא נצטרך מהעמים
את כל הטובות.

נבנה ונזרע
ונשמח בכול,
מפני על עם ישראל
זהו העול הגדול.

דבורה פוס־ליפקינד

יום העצמאות

יום העצמאות שנת העשרים
מתקרב אלינו
בשמחה וגיל בתרועות.
וזה מבשר את השנים שלנו
בשלום השנים הבאות.

לא רוצה מלחמות עם ישראל
לא רוצים ללמוד בנינו מלחמה
מפני שהשלום מתקרב אלינו
לכבוד עצמאות לשנה הבאה.

נזרוק את הנשק מעל פנינו
נרקוד לכבוד עצמאות
חדוה ושמחה בכל עיר ובכפר
ובין מפלגות אחדות.

מכל ארץ עולם תירים באים
לשמוח איתנו החג
וגם קול זמרה שומעים מהים
זהו שיר הדיג.

לדוג דגים הרבה מהים
היום עוד גדול. וחבל
מפני שהדגים מביאים
בשביל ישראל,
חדוה אושר ומזל.

וגם פרחי השדות הזרועות שמחות
והם יודעים שזה היום יום עצמאות
בשמחה וגיל נשמח אתך ישראל
זה יהיה עתידך.

ושומעים הצריחות מגן החיות
גם בפיהם ברכה בודאי
וזאת הברכה אשר ושלום
לכל אדם ובעל חי.

דבורה פוס־ליפקינד

ירושלים לא יושבת בדד

ירושלים את לא יושבת בדד
אנחנו איתך לנצח
לעד לעד.

אלפיים שנה חיכינו לך
שפכנו דמעות
לאלוהנו בתפילות.

אבל זה לא חנם
עכשיו היינו לעם
פתחנו שעריך
בדמעות ובדם.

נזכור את בנינו
כל רגע כל שעה
הם נתנו לנו כבוד
בין כל עמי העולם.

אתנו כעת הנצחון
תשמור אלוהינו
את בנינו הנמצאים
אי שם.

אנחנו נשארים אתך
ירושלים לעולם לעולם.

רחל אמנו

רחל אמנו קמה לתחיה
ומביטה עלינו בירושלים השלמה.

בנים אומרת טובים גדלתם
במשך אלפיים שנה.
עכשו תהיו לנצח
בעירכם הבירה.

אל תתנו מידכם
את שכבשתם בדם.
אתם עם בחרתנו
ישראל היא העם.

די דמעות שפכתם
אתכם בעת הנצחון
ברכות מכל ארצות תבל
תקבלו תקבלו בהמון.

העינים שלי בדמעה
דמעות של שמחה
אשמור כעת את כולכם
באהבה באהבה.

דבורה פוס־ליפקינד

ירושלים

והנה היא והנה היא
ירושלים עתיקה
כל כך הרבה חקינו
אלפיים שנה.

והנה פתחנו
את כל השערים
האם תקחי
בחיקיך את היהודים.

ובכל ספרי תורה
יש לנו החותמת
רק ממך ירושלים
יצא כל האמת.

קול שופר וקול תרועה
בחוצות ירושלים
זה היה נס גדול
מן השמים.

ובכל בית יהודי
שותים כעת לחיים
ודמעות של שמחה
זולגות מהעינים.

ירושלים השלמה

והנה ירושלים השלמה
חיכינו לך אלפיים שנה

תשארי אתנו לנצח
די קרבנות ורצח.

די הדמעות והדם
הוא זורם אצלינו כים.

בכול מברכים עננו
הקורבן מטובי בננו.

רק בשביל זה אנחנו
אתה בחרתנו
כדי לעולל שוד
ורצח לנו.

ושמה על הר המוריה
האבות מתיחדים בתפילה.

שירד כבר מאיתנו העול
והנה הם שומעים בת קול.

אברהם אברהם אברהם
בני יעקוב הם ככל לעם.

דבורה פוס־ליפקינד

תראה בהר ובגאי
עם ישראל לנצח חי.

לירושלים עיר הבירה
לנצח יצא קול תפילה.

ותמיד אתנו אלוהינו
שנזכה לבנות בית מקדשינו.

ירושלים אנחנו כאן

שמחים השמים, הבנים
שבו לגבולם
קבלי אותנו ירושלים
אנחנו כאן.

נדדנו נדדנו
בכל ארץ עולם
לא שחכנו אותך ירושלים
אנחנו כאן.

בכל בתי ספר
ובחיק האם
קדשנו לך ירושלים
אמן ואמן.

הרבה הרבה סבלנו
מכל צד וצד
אבל שם ירושלים
זכרנו לעד.

שמרי אותנו ירושלים
בשמש בצל
שחררנו אותך
ירושלים בכח האל

קבלי אותנו לנצח בשלום
בין כל עמי העולם
לא נפרד ממך לנצח
אנחנו כאן.

גיבורים

כל חיל הוא המציל
נצא לקראתו בשיר וגיל

תשמור אלוהים את חיילנו
שהביא את נצחוננו.

מצפון עד דרום
מה שנמצאים אי־שם.

הם בגבולות שמה עומדים
מבחוץ ומבפנים.

לכולנו זה ברור
האויב הארור.

להרוס את ארצנו
ולרצוח את עמנו.

נזכור את חילנו
שהביא את בטחוננו.

נזכור לעולם את נצחוננו
באושר ובשמחה בארצנו.

היהודי הנצחי

הנה הם צועדים
אחרי שנות אלפים
דם ואש כיסו את השמים.

נוסו נוסו עמלק
שיהיה הכול ממכם רק
הנר הניצחי מהיהודי
דולק דולק.

מכל דורות ודורות
הקרבנות
ששת מליוני הקדושים
השמים מאירים

אני אתכם ולא אחר
וכל משרתי שמים
בחוצות ירושלים.

ירושלים לנצח בשבילכם
מכל השערים עד שער שכם.

וכל נביאי העם
הכתר של מלך דוד
עוד מכוסה בדם.

והנה שוב נוצצים
פנינים רבבות יהודים
בכל צד ועובר המצעד.

מכל ארץ וארץ
עוד לא נתקה השרשרת.

נוסו נוסו שונאי ישראל
אני האל
והשכינה שומרת אותכם
מכל צרה.

אחרי שנות אלפים
בשביל עם ישראל
לנצח ירושלים.

צווייטער טייל

לעבעדווע

צום אָנדענק פון די שטאָטישע קדושים לעבעדווע, און מיינע עלטערן קלמן יקותיאל, אסתר ליפקינד און מיין ברודער מיט פרוי און קינדער, נח, ציפּקה, מאַריאַשקע, ישעיהו, הירשל, סטעשקע און נחמנקע ליפקינד. און די שוועסטערס: הירשל עשקע, און איר קינדער דוד און אלטינקע (יהודית). לחמן. אברהם, לייקע מיט אירע קינדער, שלום, מאיר גרינשפּאַן.

מיין שטעטעלע לעבעדווע

מיינע ליבע לעזער. בכדי, אַז עס זאָל פֿאַר שפּעטערע דורות ניט פֿאַרגעסן ווערן פון וואָס פֿאַר אַ שטעטעלע איך שטאַם, וועל איך איבערגעבן אַ ביסל פון מיין לעבנס געשיכטע. לעבעדווע איז געווען אַ קליין שטעטעלע, ווילנער געגנט. אַזוי האָט דאָס געהייסן נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה. אַמאָל איז עס געווען מינסקער געגנט. דאָס שטעטל האָט זיך ניט אונטערשיידט, מיט די אַרומיקע שטעטלעך. קליינע הילצערנע הייזקעס געבויט פון פעסטע קלעצער מיט שינדל-דעכער, מיט שטרוי-דעכער. אַנדערע הייזלעך זענען שוין געווען האַלב איינגעפאַלן און דער דאַך האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געווען מיט אַ גרינעם מאָך באַצויגן. פון די דעכער האָבן הנאה געהאַט די לעבעדוועער ציגן, אָבער די מערהייט זענען געווען פון שינדל. אַלע כמעט ווי איין גרוים. יעדע שטוב האָט פֿאַרמאָגט אַ גאַנעק. איז געווען די גרעסטע וויגאָדע. אַז מען האָט זיך געשטעלט אויפֿן גאַניק, האָט מען שוין געזען ווי ווייט די גאַסן פון לעבעדווע זענען געווען. אָט איז מאָלאָדעטשנער גאַס, האָרעדאַקער גאַס. די שול-הויף געסל צום הייפּטיקן סאָד, אַ לאַנגע גאַס וואָס מען האָט גערופן הרעבלע. דאָס איז געווען די צענטער גאַס, ברוקירט מיט גרויסע שטיינער.

אַז עס פלעגט דורכפאָרן אַ וואָגן, איז דער רעש געווען אַזוי גרויס אַז עס פלעגט אָפּקלינגען ווי ווייט. די גאַס האָט זיך געצויגן ביז די בעראָזקעס. די בעראָזקעס האָבן זיך געצויגן אפשר זיבן קילאָמעטער ביז די סטאַנציע פרודי. פון פרודי, דאָס איז געווען די באַן, וואָס האָט געפירט קיין ווילנע. דער שענסטער לעבן איז געווען אין די בעראָזקעס. פון ביידע זייטן גרויסע ביימער מיט א שיינעם גראָז, באַוואַקסן. דאָס איז געווען פאַר יונג און אַלט דער

גאנצער אָפּרו. עס איז אויך געווען אַ באָד־געסל. דאָרטן איז גע־ווען די לעבעדווער טייכל. דאָרטן איז געווען דער צענטער פאַר אונדז קינדער. פריילעך איז געווען ביים טייכל. כמעט אַ האַלב לעבן פלעגט מען געניסן ביים טייכל. זומער פלעגט מען קומען וואַשן געפּעס. ווינטער, אַז זי איז געווען פאַרפראָרן, פלעגט מען זיך גליטשן. און לעבן דעם טייכל איז געווען אַ קאַטלער געסל. דאָרטן איז געווען דער צענטער פון די ברונעמער. דאָס האָט שוין געהערט צו די גויים אָבער קיין וואַסער האָט נישט אויסגעפעלט. אָבער ברענגען אהיים דאָס וואַסער, פלעגט מען דאָס טראָגן אויף אַ גרויסע קאַראָמיסלע, פון ביידע זייטן עמערס און אַזוי פלעגט מען זען אַלע טאָג טראָגנדיק דאָס וואַסער אין די הייזלעך. אין ווינטער, ווען דאָס טייכל פלעגט איינפרירן, פלעגט מען אויס־האַקן אַ פּראָליוּוקע און נוצן דאָס וואַסער פון טייכל. לעבעדווע האָט אויך פאַרמאָגט אַ גרויסן קיילעכדיקן מאַרק. אַרום דעם מאַרק זענען געווען אויסגעבויטע קראָמען און צווישן די צוויי רייען קראָמען איז געווען, מען האָט דאָס אָנגערופן זאַוואַליק. דאָרטן אין געווען אָנגעוואָרפן מיסט, צעבראָכענע פלעשער, איבערהויפּט אין אַ מאַרק־טאָג, ווען די גויים פלעגן פאַרזוכן דעם ביטערן טראָפּן. אין מיטן מאַרק איז געווען אַ גרויסע סאַזשלקע מיט שמוציק וואַסער. די ברעגעס זענען תמיד געווען באַצויגן מיט אַ גרינעם גע־דיכטן שמוץ, אַט ווי אַ קלעפּיקע גלינאָק. אַז מען פלעגט זיך צוקוקן צום וואַסער, האָט מען געזען פאַרשיידענע ווערים, פּיאַווקעס. אָבער דערפאַר ווינטער, אַז דאָס שמוציקע וואַסער פלעגט איינ־פרירן, פלעגט דאָס דינען פאַר אַ גליטש. פלעגן זיך צוזאַמענקומען קינדער און איך גלויב, ווען די סאַזשלקע קאָן רעדן, וואָלט זי גע־וואָלט, אַז דער ווינטער זאָל נישט אַוועקגיין און לעבן דער סאַ־זשלקע איז געווען אַ גרויסער ברונעם פון וואַסער, אָבער דאָס וואַסער איז שוין געווען אויסגעטריקנט, נאָר אַז מיר קינדער פלעגן אין אים אריינקוקן און געבן אַ הוקע, איז דער עכאָ אָפּגע־קלונגען ווי ווייט.

פון ביידע זייטן מאַרק זענען געווען צוויי קלויסטערס. איינער אַ פּוילישער, דער צווייטער, אַ רוסישער. אַז די קלויסטערס פלעגן

זיך צעקלינגען איז עס געווען אַ חתונה, אָדער, ווען מען פלעגט שוין ברענגען אַ טויטן.. די קלויסטערס פלעגן זיך צע־קלונגען אויך ווען עס איז געווען אַ שריפה. שריפות האָט נישט געפעלט. אז מען פלעגט צו דער צייט נישט אויספוצן דעם קוימען, פלעגט אויסברעכן אַ פייער. פאַרמאָגט האָט לעבעדווע אויף דער צווייטער זייט טייכל אוויען, אַ גרויסן באַוואַקסן מיט אַ שיינעם גרינעם גראָז. דאָס האָט שוין געהערט צו דער גויאישער זייט. פלעגט מען זען גאַנצע סטאַדעס גענדז זיך פיטערן. חזירים האָבן געשפּאַצירט פראַנק און פריי. קיינער האָט אפילו קיין וואָרט נישט געזאָגט. היינט אז עס פלעגט קומען די צייט פון די גויאי־שע יום־טובים, פלעגן זיי נעמען שטעכן די חזירים. די גע־וואלדן האָבן זיך געהערט איבער דעם גאַנצן שטעטל. געווען אויך געסלעך, וואָס יידן מיט גויים האָבן געוווינט אין שכנות אָבער קיין מאָל פלעגט מען נישט הערן, אז שכנים זאָלן זיך קריגן און אז עס פלעגט זיין איין מאָל אין וואָך אַ מאַרק־טאָג, פלעגט זיך דער וויען פאַרוואַנדלען אין אַ הו־האַ, ווייל דאָרט האָט זיך גע־רופן דער פערד־מאַרק. דאָרטן פלעגט מען שוין זען אָנגעפּאַרענע גויים מיט וועגענער קעלבער, בהמות, פערד. עס פלעגן אָנפאָרן אַ סך סוחרים פון גרויסע שטעט. ציגיינער גאַנצע משפחות, דאַן פלעגט מען שוין דאַרפן גוט היטן, ווייל די ציגיינער האָבן זיך גערעכנט פאַר די גרעסטע גנבים. די ווייבער פלעגן זיך אַרויסלאָזן קאָרטן וואַרפן. אין דעם צווייטן זייט מאַרק, זענען שוין געשטאַ־נען טישלעך מיט פאַרשידענע סחורות. דער פריילעכסטער טאָג איז געווען אין לעבעדווע דער מאַרק. אַ גאַנצע וואָך איז געווען שטיל פון האַנדל. אין מיטן פון דעם שטעטל איז געווען אַ פּאָסטע־רונעק. דאָרטן האָבן געוווינט פּאָליציאַנטן. מיט זייערע משפחות. זיי האָבן שוין טאַקע געלעבט אַ גוטן טאָג. ווער עס איז געווען אַ חכם און פלעגט זיי געבן דעם שוחד, פלעגט לעבן רואיק. אָבער ווער עס האָט זיך געוואָלט איבערקליגן, איז געווען אַך און ווי. ווייל די שטעטלדיקע באַשעפטיקונג איז געווען הענדלער, קרעמער פון כלערליי סחורות. עס זענען געווען בעקערייען, סאַ־דאָווניקעס, שניידערס, שוסטערס, סטאָלערס, שמידער, תבואה־

הענדלער, פלאקס-הענדלער, קצבים, בעלי עגלהס, וואָס פלעגן פאָרן איבער די דערפער האנדלען, אויסבייטן סחורה אויף סחורה און נאָך די אַלע גליקן, איז זעלטן ווער עס האָט געקענט מאַכן א לעבן. אזוי ווי יעדער האָט געהאט קרובים אין אמעריקע, פלעגט מען אונטערשיקן א פאָר דאָלאר. דאָס פלעגט שוין ווי מען זאָגט אונטערהאלטן און אזוי מיינע ליבע לעזער, קען איך באַשרייבן נאָך און נאָך פון דעם שטעטעלע, ווו איך, דבורה פוס (ליפקינד) בין געבוירן געוואָרן ביי עלטערן, ניט קיין רייכע, אָבער זייער באַלעבאַטישע. מיר האָבן פאַרמאָגט אַן אייגענע שטוב. לעבן אונדזער שטוב האָבן געוווינט מיט פאַמיליעס מיינע צוויי עלטערע שוועסטער. מיין עלטערער ברודער, מיין טאַטע האָט זיי אלעמען ארומגענומען לעבן זיך. מיין טאַטע האָט געטאָן פארשיידענע ארבעט, ווייל מיין טאַטע איז געווען א סך יאָרן אין אמעריקע און ער האָט זיך אומגעקערט צוריק צוליב וואָס פאַרא סיבות, ווייס איך נישט, ווייל איך בין שוין געבאָרן געוואָרן דערנאָך. איך פלעג ליב האָבן אַליין אויך צו פאַרדינען אפילו וויפל מאָל געצאָלט אַליין שכר לימוד פאַר דער שולע, ווייל דעם גאַנצן לעבן האָט ער דערנאָך באַדויערט וואָס ער האָט זיך אומגעקערט צוריק. ער איז געווען שוין צו אַמעריקע מער צוגעוווינט ווי ווי אין שטעטל. קיין עסן האָט נישט געפעלט, אָבער אַ גוטע האַרץ האָט מיין טאַטע פאַרמאָגט. שטענדיק פלעגט ער לאַכן. מען האָט קיין מאָל נישט געוווּסט צי ער האָט, צי ער האָט ניט. שטענדיק האָט מען אונדז געשאַצט מערער ווי מען האָט פאַרמאָגט. דעם לעצטן ביסן איז ביי אים רעכט געווען צו טיילן מיט אַ צווייטן, און מיין מאַמע איז געווען זייער אַ שטילע, דער היפוך פון טאַטן. מיין טאַטע פלעגט זיך נישט לאָזן, אַז מען זאָל אים טאָן עוולות. אָבער מיין מאַמע פלעגט שטילערהייט אָפּגעבן דעם ביסן פון מויל. מען האָט איר קיין מאָל נישט געזען מיט ווייבער, שטייענדיק אויפן גאַס, און באַריידן יענעם. איך בין געווען איר גאַנצער שליח, אַז זי פלעגט אויסמעלקן די בהמה, פלעגט זי דאָס מילך ניט לאָזן עס זאָל זיך אָפּקילן, נאָר מיר גלייך שיקן מיט אַ קענדעלע אין עק שטעטל און איך פלעג שוין וויסן

די פלעצער ווו דאָס אָוועקצוטראָגן.
יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס, פלעג מיין טאַטע ברענגען אַן אורח, און חוץ דעם, מיינע רייד זאָל אים ניט זיין צו שווער, האָט ביי אונדז געגעסן אַ פרוש פון שול, 15 יאָר, פרייטיק און שבת. מיט קיינעם פלעגט ער נישט ריידן נאָר מיט מיר. אין די רעגנס, אָדער אין די פרעסט פלעג איך אים טראָגן דעם עסן אין שול. פלעג איך שטיין אין פּאָליש פון שול און וואַרטן ביז אַלע יידן פלעגן אָוועקגיין, דאַן פלעג איך אים אַריינטראָגן דעם עסן און וואַרטן אויף די כלים. איך האָב געהאַט אַ באַזונדערע פרייד, אַז איך פלעג טאָן אַזעלכע זאַכן, טייערע גוטע מדות האָב איך געלערנט אין מיין שטוב. אָבער מיין נאַטור איז שוין געווען געירשנט פון ביידן, אַז מען פלעגט מיר טאָן אַן עולה פלעג איך ניט פאַרגעסן, איך פלעג אָפּגעבן דאָפּלט. איך אין מיי־נע קינדער־יאָרן האָב געליטן אַ סך, אָבער ווי איז שוין געווען צו יענעם, ווער עס פלעגט מיך אומזיסט באַליידיקן, די שטעטל איז געווען אַ פריילעכע, און אַ ציוניסטישע. פון פריסטן יוגנט, בין איך געווען פון די ערשטע אין חלוץ הצעיר. ביי אונדז זענען אויך גע־ווען בת״ריסטן, וואָס נישט איין מאָל פלעגט מען זיך קריגן וועגן דער ישראל ירושה. דער עלטסטער פון די קרן קימת טוער איז געווען עליע לייזער לעווינסאָן. ער געפינט זיך איצט אין בראַזיל. דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע ביבליאָטעק, אַן אייגענעם טעאַטער, מיט אייגענע אַרטיסטן. די שטעטל איז געווען אַ פריילעכע. זיך אָנגעהויבן דאָס אַרויספאָרן אויף הכשרה. איך האָב אויך פאַרלאָזן מיין שטעטל און געפאָרן אויף הכשרה, און דערנאָך עולה געווען קיין ארץ ישראל. ווען איך בין געקומען פון הכשרה אַ היים אַ באַשטעטיקטע בכדי צו פאָרן אין ארץ־ישראל, איז שוין די שטעטל ניט געווען ווי פריער. דער אַנטיסעמיטיזם האָט שוין געברענט אַ סך מערער. דאָס איז געווען ענדע 1933. ווער עס האָט געקענט די שטעטל פאַרלאָזן דורך פאַרשיידענע וועגן, האָט דאָס געטאָן. איך בין עולה געווען דעם אָנהויב 1934. ווי אַלע מאַמעס און טאַטעס, האָבן געוויינט, אַזוי האָבן מיינע עלטערן און שוועסטער מיר אויך באַוויינט. אָבער זיי

האָבן זיך אויך געפּרייט און געהאַפּט צו קומען צו מיר. אָבער דער גורל האָט אַנדערש געוואָלט. מיין יונגערער ברודער האָט זיך נאָך געראַטעוועט אין מלחמה און געקומען אין לאַנד. די איבעריקע פאַמיליע מיינע, זענען מיט מיין טאַטן און מאַמען מיט מיינע שוועסטער און ברידער מיט גרויסע פאַמיליעס אַוועק אויף קידוש השם צוגלייך מיט אַלעמען, און לעבעדיקערהייט פאַרברענט געוואָרן.

לעבעדווע אין אַ וואָכיקן טאָג

עס נעמט שוין טאָגן. מען זעט שוין קליינע פּייערלעך אָנ־געצונדן פון אַ גאַז־לעמפּל. לעבעדווע וועקט זיך פון שלאָף.

די מאַמעס שטייען אויף די ערשטע. מען נעמט שיילן קאַרטאָפל אויף אָנבייסן. מען הייצט די אויוונס און דער רויך פון די קוימענס גרייכן ביזן הימל. דער פּאַסטעך פון שטעטל, נעמט אויף די בהמות צו טרייבן אין פעלד, ווייל די מאַמעס האָבן שוין באַוויזן זיי אויסצומעלקן.

פון די אויוונס שמעקן שוין אַלערליי ריחות. ווו מען באַקט ברויט און ווער עס קאָכט אַ הערינג מיט ציבעלע מיט עסיק און מען זעט שוין אפילו אונזער שמש, שמואל לייב גייענדיק מיט זיין שטעקן אונטערהינקענדיק, דאָס גייט ער אין שול איידער עס קומט דער ערשטער מנין צום דאַווענען און זיין שטעקן קלאַפּט אויפן ברוק ווי ווייט און עס נעמען לויפן יידן צום ערשטן מנין דאַווענען דאָס ערשטע אָפּגעבן דעם בעל חוב צום רבונו של עולם, ער זאָל העלפן יעדערן אין פרנסה און געזונט. ביי רבקה דינקעס זיינען שוין די בייגל אויסגעבאַקן און יעדערער לויפט מיט אַבינטל בייגל פרישינקע אָנגעצויגן אויף אַ שנירל און עס שמעקט די פריש־קייט. ווער קען זיך אין דער וועלט גלייכן צו אַ לעבעדווער בייגל ווען מען עסט דאָס מיט אַ וואַרעמע גלאָז מילך וואָס די מאַמע האָט איצט אָפּגעבריט. און די פלויקע פון אויבן, איז טעם גן עדן. ביי מאַשע אַבראַמקעס איז שוין אָפּן די קראָם. די ערשטע קראָם וואָס הייבט זיך אָן פון הרעבלע גאַס. כמעט פון אַלע זייטיקע געסלעך קומט מען אַהין איינקויפן. אַ קראָם אָן עין הרע, פול פון אַלדעם גוטס וואָס אַמויל קען ריידן און פרנסה אויף אַלע יידן געזאָגט. און דאָך פלעגט מען זיך אַמאָל צו ווערטלען צווישן זיך. איך וויים. אין אַ שטוב איז פאַראַן אַמאָל איבעריידן, ניט

געשטויגן און ניט געפלויגן, און אַז עס גייט שוין אָן פול די קראָם איז שוין גאַלדעצקע אַ גאַנצע באַלעבאָסטע. דער צינגל האָט געטאַנצט ווי אויף שרויפן. און ווען איר זעט פון צווייטן זייט שטייט מאַלקע בלומע אויפן גאַניק, די הענט אין די באָקעס און די קנאה ברענט ווי פייער. פון ברוך משה, זעט מען שוין ניט אַזאַ קנאה. ער איז אַ ייד מיט שכל. יעדער אַדרעס וואָס מען דאַרף שרייבן אין אַמעריקע קומט מען צו אים. און אַפילו אַ בקשה אין גמינע. די קצבים לויפן שוין אַרום מיט חלקים פלייש, צי מען וויל, צי מען וויל ניט, מען וואַרפט אַריין און אַליין און מען איז שוין נישטאָ. ניט איין קללה גיט די באַלעבאָסטע ווען דער קצב גייט אַוועק. און בסך הכל איז דאָ אין לעבעדווע דריי קצבים. אויפן רעבלע ביי ליבע מייערס, ביי חיים סלאָוועס און ביי נח קלמן קשיעלס, און וואָס מען ווינשט זיך איינע די אַנדערע זאָל דאָס אַריין פאַלן אין לעבעדווער טייכל. און ביי סלאָווע גיטען, איז שוין א פולע שטוב מיט קישקעס וואָס זי קויפט אָפּ ביי אַלע קצבים, און זי שטייט שוין ביים טייכל אַריין געטאָן אין איר אַרבייט. איר אַרט ניט וואָס די ווייבער וואָס ווינען נאָענט ביים טייכל ריידן פאַר איר אין די אויגן. גאָט זאָל היטן אַריינפאַלנדיק ביי סלאָווע גיטען אין מויל. וואָלט מען זיך שוין געדאַרפט אַרויסקלייבן אויפן צווייטן זייט סמבטיון ווו די רויטע יידעלעך ווינען. און דאָ זע איך מיין מומע דבורה לאה די אלמנה, גייענדיק מיט איר קאָשיקל פול אָנגעלייגט מיט סחורה: נאָדלען, זייף, פאָדעם, אַביסל שמעקעדיקע טראָפּן אין פלעשעלעך צוגאָסן, דאָס האָבן ליב די יונגע שיקסעס פון דאָרף און נאָך אַ סך קליניקייטן. איר דאָרף איז מאַראַשקע. ווער קען ניט אין דאָרף די מומע דבורה־לייע, אַז זי פלעגט דורכגיין דעם הויפטיקן סאָד האָבן אפילו די הינט ניט געבילן. זי איז געווען אַ צדיקעס, אַ גאַנצע וואָך אַ פאַרהאָרעוועטע אָבער אַז עס פלעגט שוין קומען ערב שבת, עס איז געווען מיין גאַנצער פאַרגעניגן אַריינכאַפּן זיך אַהין. פלעגט זי שוין זאָגן! ס'קאָצל קומט און גלייך מיר פאַרשטאָפּן דעם מויל מיט זיסוואַרג. און אַז עס פלעגט קומען שבת, איז זי געווען אַ גאַנצע זאָגערקע. אין שול פלעגן זיך אַרומזעצן ווייבער אַרום אַ גרויסן טיש און זי פלעגט פאַר זיי

לייענען די צנע ורענא און בענטשן ראש חודש, און זי פלעגט דאַוונען מיט תחנונים און אַלע פלעגן וויינען מיט טייכן טרערן אויפן חורבן פון בית המקדש. דער בעטן איז געווען נאָר זאָל קומען אַ ישועה אויף יידן. געווען איז זי אויך אין חברה קדישה, און חברה משניות, און אפילו אַז אַ קימפעטאָרן פלעגט גיין צו קינד, איז געקומען די מומע דבורה-לייע מיט אַ גויע אַ באַבקע און ברוך השם איז דאָס געווען אַ זכר איז זי געווען אַ גאַנצע מאַבערקע אויפן ברית. איז דאָס געווען אַ מיידל, פלעגט זי קומען גלייך שטעכן איר די אויערן, און די ווייבער פון דער הרעבלע זעט מען שוין אוים געזעצט אויפן ספריזבע אין די לענג און ברייט. דאָרטן איז דער גאַנצער פּאַרלאַמענט. זיי ווייסן שוין וואָס ביי יענעם אין טעפּל קאָכט זיך, און ווער עס וועט לעבן און ווער עס וועט שטאַרבן. און ציפּקע ביילעס טראָגט די פּאָסט נאָך איידער דער לעבעדווער פּאָסטן טרעגער קומט. ביי איר קען מען וויסן פון אַלע נייעס. און טאָמער חס וחלילה, זאָל אַ יידענע זאָגן אַז עס איז אַ ליגן קען שוין די יידענע אָפּזאָגן ווידוי.

און דערוויל קומט אָן עלע חיים אשזעם מיט אַ קאַשיק פיש העכט לעבעדיקע קאַראַשלעך. די ווייבער רינגלען אים אַרום אַז קוים אַ לעבעדיקער רייסט ער זיך אַרויס פון זיי, און דאָס געלט, דאָס דאַרף מען שוין גיין מאָנען ביי יעדער באַזונדער. און אין די קאַטלאַרסקע געסל זעט מען טראָגן אויפן קאַראַמיסלע וואַסער. דאָרטן איז דער צענטער פון די ברונימער. און דער מאַרק איז אויך ניט פאַרשלאָפן. כאָטש עס איז היינט ניט קיין מאַרק טאָג, ברענגט אָבער אַ גוי צופירן אַ וואָגן זאַמד, אַ וואָגן האָלץ. אין לעבעדווע ווי ריין מען פלעגט אויסוואַשן אַ פּאַדלאָגע האָט מען געמוזט אַ שאָט טאָן מיט אַ געלן זאַמד פון ריייניקייט. ווען פייגע לייע פלעגט נאָר אַ מאַך טאָן מיטן האַנט, פלעגט שוין דער ערל וויסן ווו צו פירן. לעבעדווע האָט שוין פאַרמאָגט אירע וויצן, אירע ווערטלעך. איבערהויפּט מעשיות דערציילן האָט געקענט אַבראַמקע דער שוסטער. ער איז געווען אַ סאָלדאַט ביי די רוסן. אַ וועלט מיט מעשיות, אָט ווי פון אַ ברונעם, האָט ער זיי געשעפּט, איבערהויפּט נאָך אַ לויה פלעגן די לצים זיך איינהערן וואָס

מען האָט גערעדט צום מת, און אַך און ווי איז געווען צו יענעם ווער עס איז אַריינגעפאַלן אין זייערע מיילער.

און דערווייל שמעקן שוין די וואָרמעסן. און די קינדער גייען שוין פון שולע. מער פאַר אַלע לערער, פלעגט מען מורא האָבן פאַר מיוקאָוויטשן. ער פלעגט ברומען ווי אַ חיה. קיין מאָל ניט געהאַט קיין שמייכל אין זיך. ער פלעגט ניט קענען זען ווי די מיידלעך וויינען, פלעגט ער זיך צושרייען עם הארצים, מוחות מטומטמים מיט אייערע קראָקאָדילענע טרערן. אַ פחד פלעגט באַפאַלן. נאָר אַז מען גייט שוין פון שולע פלעגט מען זאָגן אַ דאַנק גאָט, פטור געוואָרן.

דערווייל זעט מען דעם גויאישן פאָסטן־טרעגער, גייענדיק שיכור ווי לוט. אפנים ער האָט היינט געהאַט א גוטן טאָג מסתמא געבראַכט עמעצן אַ פּאָוועסטקע פון אמעריקע אויף דאָלארן, און באַקומען דערפאַר אַ מתנה אַ פאָר זלאָטעס. סטייטש, ווען נישט דער פאָסטן־טרעגער, וואָלט מען דאָך נישט געהאַט קיין געלט פון אַמעריקע. דערווייל גייט שלמה חאָנעס זייער אַזי כעס. זיין הינדע האָט אים געבאָרן דאָס זעקסטע מיידל און ער שווערט, אַז טאָמער וועט די זיבעטע אויך זיין א מיידל, וועט ער איר ארויסווארפן מיטן בעט און דערווייל שטייען אַלע קרעמער און מען וויצלט זיך צו די צרות, ווער עס האָט געהאַט אַ קונד, ווער ניט אָבער ביי לייבע ליביטקעס איז שטענדיק דאָ לייזונג. דאָרטן איז דער ביטערער טראָפּן. שיכורן זיך אָן גויים און די פּאָמאַטערעס לויפן און מען קושט זיך און מען שלאָגט זיך און אין מיטן דערינען לויפט אָן אַ פור. און טרעפט ווער עס גייט אַראָפּ, דער סעקוועסטראַטאָר. דער, וואָס מאָנט פאָדאַטקעס און די קרעמער ווערט פינצטער אין די אויגן. פון די פרילאָווקעס נעמט שוין די סחורה שיטער ווערן. מען לויפט אהיים באהאלטן די ווערטפולע זאכן, ווער עס האָט א וואנט־זייגער איז ער שוין געווען איינגעבעט אין בעט. און די קללות וואָס עס זענען געפלויגן אויף זיין חשבון, מיינט איר, אַז עס פלעגט אים שאטן? אַ גוי האָט דאָך מזל, נאָר אז ער פלעגט אריינפאלן אין די הענט פון די חזירים־פארקויפער. דאָרטן האָט מען אים שוין גוט אָנגעהאקט

די ביינער און דער ייד פלעגט האָבן הנאה. דערווייל צעקלינגען זיך די קלויסטערס. עס פאָרט א חתונה פון דאָרף, ציען זיך פורלעך צענדליקער איבער הרעבלע מיט גלעקעלעך. די כלה אויסגע־פוצט אין א גאלאנדרע און די פורלעך מיט גרינס אויסגעפוצט. מען פאָרט צו צום קלויסטער.

לויפן מיר אַלע זען ווער עס שטייט אין דרויסן, ווער עס גייט אַריין אין קלויסטער, אפילו כאנזיק, ווען זי האָט געשטריקט אַ זאָק, פלעגט זי די פרוטעקעס אַריינלייגן צווישן די אויערן און אַריין אינע־ווייניק אָבער אַ טייל קינדער פלעגן ניט וועלן ריזיקירן זיין 40 טעג אין חרם, מילא, ווען ס׳וואָלט געווען אין רוסישן קלויסטער, איז 15 טעג. אַזוי האָט מען אין שטוב איינגערעדט און אָט גייט כאַשקע בענ־צע לייזערם מיט אירע צוויי ציגן. כאַשקע איז אַזאַ גוטע נשמה, יע־דערן איז זי א גוטער פריינט און פאר יעדערן גיסט זי אוים איר ביטער הארץ, ווייל איר בן יחיד בענצע לייזער וויל נישט לער־נען, נאָר אדאנק דעם רבין, ר׳ מאטע, ער האָט רחמנות אויפן יתום, האלט מען אים נאָך אין חדר און אויפן שול־הויף איז פריילעך. די שולע איז אויף דער ווייבערישער שול. קיין קינדער־לעך גאָט צו דאנקען האָט נישט געפעלט. מען עסט אָפּ ווארעמעס און מען קומט ווידער אין שול־הויף. ביים טייכל זענען מיר קינ־דער געווען טאָג און נאכט. דאָס איז געווען דער צווייטער טייל פון לעבן, פלוסקען זיך, וואשן געפעס. ווער עס האָט געוווינט לעבן טייכל איז דאָך אָפּגערעדט. אפילו פון שול־הויף פלעגט קומען חיה רבקה, צי צוליב געפעס וואַשן אָדער צוליב לייזער אברהם יעקבם און נאָך אַלעמען, פאַרנאַכטלעך פלעגן זיך יונג־וואַרג צוזאמענקומען אויפן הרעבלע צו כייקע לייבעס, עסן מאַ־ראָזענע, אז איך נעם זיך דערמאָנען, ליגט מיר דער טעם אין מויל און ביז שפעט פלעגט מען אָפּבאלאקעווען און פון דאָרטן פלעגט מען זיך לאָזן גיין, ווער אין די בעראזקעס, ווער אין לאָ־קאל און אמאָל צו א הפקר פעטרושקע, וואָס אלטער דעם רבס האָט צוזאמענגעשטעלט און ווער אין ביבליאָטעק בייטן דעם בוך און אין מיטן דערינען א געשריי. אשר וועלוול גייט. א גאָט, ממש, פון די ציוניסטן. אלע פלעגן אים ארומרינגלען. אָט אַזוי,

ווי ער וואָלט זיך אומגעקערט פון ארץ־ישראל. יעדעם וואָרט זיינער איז געווען הייליק. אַז מען פלעגט זיך אומקערן אַהיים, פלעגט מען נאָך זיצן שפּעט אויף אַ באַנק און זינגען. אַז עס פלעגן זיך נאָך קומען פון יהושע דעם סטאָלער די מיידלעך, פלעגט ווערן פריילעך. מען האָט גערעדט וועגן פאָרן אַמאָל אין ארץ ישראל. פּטור ווערן פון די גויים. דערווייל גייט צו סלאַווע גוטע, זייער פאַרכעסט, ווען זי פלעגט אריינקומען צו חנה מאטעס און זען זשאבאָטינסקין אויפן קאַלענדאַר, פלעגט זי ווערן בייז, וואָס זשאַבאָ־טינסקי האָט ניט אויסגעקליבן איר לייבס אָרגאַניזאַציע און דער־וויל ווערט וואָס ווייטער טונקעלער אין שטעטל. די פייערלעך לעשן זיך אויס. עס איילט זיך אַ פּאָרל פון די בעראזקעס. לע־בעדווע ליגט איינגעהילט אין שלאָף, ווייל מאָרגן דערוואַרט זיי ווידער דער וואָכעדיקער טאָג.

דאָס קליינע מעשענע קענדעלע

ר׳ קלמן איז געווען אַ פּשוטער ייד. ער האָט נישט געקענט אַזוי גוט די שוואַרצע פּינטעלעך, ווי דער ראש הקהל אין שטעטל, אָבער אַ גוט האַרץ האָט ער געהאַט. ער פלעגט זיך נישט פאַרגינען אַ ביסן אליין צו עסן. אַ נדבה, פלעגט ער זיין דער ערשטער צו געבן און שטענדיק אַ פאַרהאָרעוועטער, פלעגט ער אַרומפאָרן אַ גאַנצע וואָך אין די דערפער, כדי צו פאַרדינען פאַר די בני־בית. אַמאָל פלעגט ער צופאָרן אין דער גרויסער שטאָט מינסק, צו פאַרקויפן זיין סחורה. און אַזוי אָרום פלעגט אים אָפט אויסקומען צו פאָרן קיין מינסק. עס איז דאָך אַ גרויסע שטאָט, פלעגט ער זאָגן. ער האָט ליב אַמאָל צו פאָרן אפילו נישט האָבנדיק קיין פרנסה, נאָר אַנשטאָט פון הו־הא, פון אַלע זיינע שטוב־זאַכן, פלעגט ער ליב האָבן דאָס קליינע מעשענע קענדעלע, כאָטש אין שטוב איז געווען אַ סך קופערנע כלים. אָבער, אַז ער פלעגט אַ טרונק טאָן פון דער מעשענע קענדעלע, פלעגט זיך אים דוכטן, אַז דאָס וואַסער איז טעם גן־עדן, און אַ שמייכל פלעגט זיך צעגיסן אויף זיין ערלעכן פנים. און אָט הערט אַליין וואָס ר׳ קלמן דערציילט אייך וועגן דעם מעשענעם קענדעלע:

דאָס איז געווען אין 16־טן יאָר ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט געבושעוועט אין רעכטן ברען. עס איז געווען אַ הונגער. מיטן ביסן ברויט האָט מען זיך באַהאַלטן עסנדיק אין אַ ווינקל. און דאָס שטעטל איז געווען צעבראָכן פון אַלע זייטן. אָבער אַ סך בעלי־בתים האָבן שוין געוווינט אין די אייגענע הייזער, וועלכע מען האָט צוריקגעבויט. געווען שוין אַ סך גבירים און דער האַנדל איז געווען גרויס, בפרט, אַז עס פלעגט קומען דער מאַרק־טאָג, ווען אַלע קריסטן פלעגן פון די אַרומיקע דערפער קומען אין שטעטל פאַרקויפן זייערע סחורות.

דאָס איז געווען פונקט צוויי טעג פאַר פסח. יעדער האָט זיך שוין אָפּגעבאַקן זיין קלימעקל מצות פאַר זיין הויז־געזינד. די פּאַדריאַדן, ווו מען פלעגט באַקן די מצות זענען שוין געווען געשלאָסן און אין גאַס איז געווען הו־האַ. עס איז דאָך עפּעס ערב פסח. איך גיי אַזוי פאַרנאַכטלעך אַהיים. דאָס איז געווען צווישן מנחה און מעריב. באַגעגן איך זיך פּנים אל פּנים מיט אַ הויכן פּאַניע, מיט גרויסע עפּאָלעטן און בלישטשענדיקע קנעפּ און נעבן אים גייען צוויי יונגע זעלנער. איך וואָלט געשווירן, אַז דאָס זענען יידן. אָבער איך האָב קיין טעות נישט געהאַט. דאָס איז געווען אַ רוסישער קאַפּיטאַן מיט צוויי יידישע זעלנער און זיי פרעגן ביי מיר, ווו וווינט דאָ אייער רב? און ער נעמט און פירט זיי באַלד אַריין צום רב אין שטוב.

ביים רב האָט דער רוסישער קאַפּיטאַן דערציילט, אַז אין אַ דאָרף נישט ווייט פון שטעטל, האָט ער אַ לאַגער פון זעלנער 20 צווישן זיי, זענען יידן, וואָס זיי ווילן פּסח זיין ביי אַ יידישן טיש צום סדר. ער האָט געפרעגט, אויב דער רב קען עפּעס טאָן פאַר זיי?

דער רב שיקט באַלד זיין שמש נאָך די עלטעסטע בעלי־בתים פון שטעטל און נאָך אַ גרויסן ישוב הדעת, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס שוין צו שפּעט.. יעדער בעלי־בית האָט שוין זיין קלימעקל מצות אָפּגעבאַקן און ווו קען מען יעצט קריגן מצות? און דאָס איז שוין יעצט פאַרבונדן מיט דער גרויסער שטאָט מינסק. און עס בלייבט, אַז ביז מאָרגן פרי, וועט מען זיי געבן ענטפער. יאָ אָדער ניין. אויב נישט, וועט מען זיך ווענדן צו אַ שכנותדיק שטעטל. מען וועט דאָך יידישע קינדער נישט לאָזן אָן אַ סדר. און אַזוי פאַרלאָזט מען דעם רבס שטוב און זיי גייען צוריק מיט ר׳ קלמן, און ר׳ קלמן באַטראַכט די גאַנצע זאַך. טראַכטנדיק אויפן וועג, אַז אויף מאָרגן איז דאָך שוין צו שפּעט, ער פירט זיי אַלע דריי צו זיך אין שטוב אַריין און נאָך אַן איבעררייד מיט זיין ווייב, בלייבט, אַז אַלע יידישע זעלנער, וואָס געפינען זיך אין לאַגער, זאָלן קומען צו אים אין שטוב, צו די ערשטע טעג פסח. חול־המועד וועט ער ווייטער זאָרגן. אַ גרויס הויז־געזינד

האָט ער אַליין, וועט מען זיך אויסמישן. קיין חמץ וועט מען נישט עסן.

און טאָקע די צוויי טעג פסח זענען געווען אַזעלכע פריילעכע. מען האָט אַפילו פאַרגעסן אין וואָס פאַר אַ צייט מען לעבט און טאָמער האָט נישט געקלעקט קיין מצה, איז געווען גענוג קאַרטאָפל. עס איז געווען אין שטוב אַ הו־האַ. און ווי עס איז געקומען חול־המועד, האָבן זיי זיך אָפּגעזעגנט מיט אַלע און ער האָט געמיינט, אַז זיי פאָרן אָפּ ווייטער פון שטעטל. און מען נעמט זיך ווידער גרייטן צו די אַנדערע טעג יום־טוב.

מיט אַמאָל פאָרט צו צו דער שטוב אַ זעלנערישע פור און פירט צו צום גאַנעק צוויי גרויסע, פאַרמאַכטע פעסער און וואַרפט זיי אַראָפּ. בעת מעשה האָט די גאַנצע הויז־געזינט זיך דערשראָקן, עס איז דאָך פאָרט די רעכטע, גערדיכטע מלחמה. אָבער אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס האָבן די יידישע זעלנער איינגעקויפט פון כל טוב און זיי זענען געקומען פראַווען מיט אים די לעצטע טעג פסח.

און ער קען נישט אויסדערציילן, וואָס פאַר אַ פריילעכקייט עס איז געווען. דאָס שטעטל איז געגאַנגען ווי אויף רעדלעך.

און טאָקע גלייך נאָך יום־טוב האָבן זיי פאַרלאָזט דאָס דאָרף. די מלחמה בושעוועט. און נישט איין מאָל האָט ער געהאַט אין זינען די יידישע זעלנער, אויב זיי לעבן נאָך? און חוץ דער מלחמה, זענען נאָך געווען באַנדעס מיט גזלנים און רויבער, וואָס אַלץ איז געפאַלן אויפן קאָפּ פון יידן.

ווען די מלחמה האָט זיך גענומען שוין אַ ביסל איינשטילן, איז איינעם אַ פרימאָרגן, איידער די זון האָט זיך באַוויזן אויפן הימל, (דאָס איז שוין געווען אין 18־טן יאָר, ווען מען האָט פּראָקלאַמירט די פרייהייט און אַ ייד האָט מורא געהאַט דעם קאָפּ אַרויסצושטעקן), הערט ער, נעבן דער שטוב קולות, געוואַלדן. אַ דערשראָקענער, שטעקט ער אַרויס דעם קאָפּ פון פענצטער, כדי צו זען, ווער איז דאָס אַזוי באַפאַלן דאָס שטעטל?

ערשט צו זיין שטוינונג זעט ער די יידישע זעלנער, וועלכע ער האָט געהאַט אויף פסח. פאַרשטייט זיך, אַז נישט די גאַנצע

צאָל, נאָר וועמען עס איז באַשערט געווען צו בלייבן לעבן. און זיי גיבן אים איבער, אין נאָמען פון אַלעמען, אַלס מתנה, דאָס מעשענע קענדעלע, וואָס זיי האָבן אַליין אויסגעאַרבעט פון אַ סטאַ־קאַן, כדי דאָס זאָל בלייבן אַלס אָן אָנדענק פון דעם היימישן, פריילעכן פסח, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט ביי אים אין שטוב. און זיי אַליין פאָרן צו זיך אַהיים שוין באַפרייטע פון מיליטער.

דערפאַר איז ביי ר׳ קלמן דאָס קענדעלע מער טייער, ווי אַלע אַנדערע כלים אין שטוב.

ר׳ קלמן — דאָס איז געווען מיין טאַטע.

די חתונה אין לעבעדווע

1

אַ חתונה אין לעבעדווע,
איר זייט אַלע פאַרבעטן,
דער שמש פון אונדזער שול
האָט אויסגעטיילט בילעטן.

2

די מקוה איז שוין געווען
באַהייצט מיט צוויי וואָכן פריער,
פאַרטיק איז די הויפּט-קלייד
מיט דעם ווייסן שלייער.

3

און פון פרי פאַרטאָג
איז געווען שוין די בהלה,
מחותנים אויסגעפּוצטע
מען לויפט צום בעל-עגלה.

4

אין גרינס די פערדלעך אויסגעפּוצט גרייט
דעם חתן איבערנעמען,
און מיט דעם וועט לעבעדווע
אויך זיך נישט פאַרשעמען.

5

פריילעך פריש און לוסטיק
דער חתן איז געקומען,
און אין אַ באַזונדער חדרל
גלייך אַריין גענומען.

6

און די קלזמרים שפילן דאָרט,
עס הויבן זיך די טענער,
עס טאַנצן דאָרט אַ שערעלע
מיידלעך, ווייבלעך, מענער.

7

און אויפן רעבלע איז דער טומל
אַלץ פריילעכער געוואָרן,
עס שטייען שוין די ווייבער דאָרט,
און מען שאַצט דער כלה אירע יאָרן.

8

און לעקעך, טאָרטן טראַגט מען אָן
פון אַלע זייטן,
דער מנהג איז אין לעבעדווע
פאַרבליבן פון פאַר צייטן.

9

און נדן ציילט מען אָן דאָרט,
אַזאַ גרויסע קופּע,

אַבי דער חתן זאָל איינשטימען
גיין גלייך צו דער חופּה.

10

און אויב עס פעלט נאָך עפּעס
גיט מען אַמעריקע אין נדן,
אַבי עס זאָל דער חתן מיט דער
כלה גאָרנישט שאַדן.

11

און עס גייען ווייבער חברטעס,
די כלה צו באַזועצן,
און אין הארצן נעבעך טוט
ביי זיי אַביסעלע אויפרעגן.

12

די מאַמע צו דער כלה זאָגט,
ביז נאָך דער חופּה גאָרנישט עסן,
דאנקען גאָט, האָסט חתונה,
דו וועסט שוין נישט פאַרזעסן.

13

טאַכטערקע איך מוז לויפן זען,
ווי עס האַלט מיטן קבלת פּנים,
אַזוי גאָטעניו, וויפל עס וועט מיך אָפּקאָסטן,
אויסקרענקען זאָלן מיינע שונאים.

14

און טישן זיינען פון כל טוב,
באַגרייט און די קלזמרים שפּילן,
ווייל עס איז שוין צייט
דעם חתן צו באַדעקן פירן.

15

און דער בדחן שטייט נעבן דער כלה,
און האַקט איר מוסר אָן אַ צאָל,
און די ווייבער מיט דער כלה
וויינען אויפן קול.

16

און אויפן שול־הויף איז אַ טומל,
עס לויפן גרויסע, קינד און קייט,
און דער שמש האַלט די 4 פלעקער,
די חופּה איז שוין גרייט.

17

און דאַנקען גאָט חתן־כלה
שטייען שוין אונטער דער חופּה,
און גלייך דאָרט אָן אַ זייט,
שטייען לצנים אין אַ גרופּע.

18

וואָרט נאָר מיישקע,
מיר וועלן זען ווי דער חתן וועט ברעכן די גלעזל,

אויב נישט וועל איך אים מיט
דער בולבע וואַרפן אין נעזל.

19

מזל־טוב, מזל־טוב,
ס'אַ בראַווער חתן,
ער האָט דאָך מיט איין קלאַפּ
די גלעזל גלייך צעבראָכן.

20

און מען עסט זיך אָן, און מען טרינקט זיך אָן,
עס איז גוט און פריילעך.
די כלה זעט אוים ווי אַ מלכה'לע,
דער חתן ווי אַ מלך.

21

און אַזוי איז אַ חתונה
אין לעבעדווע פאַרלאָפן,
מידע און צופרידענע,
גייען אַלע שלאָפן.

דבורה פוס־ליפקינד

ווינטער

איך זע דיך, מיין שטעטל,
איינגעהילט אין דעם ווינטער,
אויף דער גאס שיט א פוך ווייסער שניי,
און דאָרטן וואַרפן מיר זיך, קינדער,
מיט שניעשקעס,
עס איז פריילעך אונדזער געשריי.

ווער וויל דאָס זיצן
פאַרשפּאַרט אין די הייזער?
די זון, זי שיינט ווי גין־גאָלד.
עס שפּראָצן די באַקן
פון רויטקייט פאַרפרוירן,
ווייל די זון האָט אונדז אַלעמען האָלט.

מיר שלעפּן דעם שליטן
אַרויף אויף דעם בערגל
און שליטלען זיך אַלע אַראָפּ.
און דער שליטן, ער גליטשט זיך,
און מיר אַלע לאַכן,
ווי ער לויפט אַזוי שנעל אין גאַלאָפּ.

ווי גוט עס זענען געגאַנגען
די קינדערשע יאָר,
נישט געהאַט אויף זיך קיין שום יאָך,
געטאַנצט, געזונגען,
צופרידן געשפרונגען,
און אַזוי איז פאַרלאָפן די וואָך.

די פענצטער פון די שטיבעלעך
פאַרפרוירן, ווי דער געשטאַלט פון בלומען,
אין שטוב איז וואַרעם געווען,
אָבער מיר, יונגוואַרג,
מיר פלעגן נישט זיצן,
מיר האָבן די גאַס נאָר געזען.

און מיר לויפן אַלע,
צו אונדזער טייער טייכל,
מיר פילן פון דער זון נישט קיין היץ.
ווייל דאָס טייכל איז דאָך אַזוי גוט פאַרפרוירן
און מיר זענען שוין
אַלע אויפן גליטש.

און מיר גליטשן זיך
אַלע צוזאַמען ביים טייכל,
און דאָס טייכל דרייט זיך מיט אונדז,
ווייל מיר האָבן אַלע
געהאַט אונדזערע היימען
און פריילעך איז געווען אונזער געזאַנג..

דבירה פוס־ליפקינד

ערב שבת

איך בענק ווי עס איז געווען שבת
אין דער אַלטער היים.
אומעטום איז געווען
צוגערוימט, ציכטיק און ריין.

און אין שטוב איז
אין יעטוועדן ווינקל, געוואָרן צוגערוימט,
ווייל די פּאָדלאָגע איז געווען
אויסגעשאָטן מיט אַ געלן זאַמד.

און דער טיש איז געווען,
מיט אַ ווייסן טישטעך באַדעקט,
און פון טיש האָבן די צוויי חלות
מיט פרישקייט געשמעקט.

און ווען מיין מאַמע
פלעגט בענטשן די שבתדיקע ליכט
און פאַרדעקן מיט די הענט
די קדושה געזיכט.

פלעג איך שוין זען אין די אויגן
צוויי טרערן שטיין,
אַט ווי צוויי פערל,
לויטער ריין.

און זיי פלעגן קאַפּען
אויפן שבתדיקן טיש
און זי פלעגט אונז זאָגן
גוט שבת — זיס.

און איך פלעג איר גלייך זאָגן,
וואָס ווייסטו, מאָרגן איז דאָך אַ שבתדיקער טאָג,
וועסטו דאָך רוען
און נישט האָבן קיין זאָרג.

אָבער זי פלעגט מיר ענטפערן,
מיר האָבן דאָך אויך ערגעץ אַ לאַנד
און דערווייל איז עס
פאַר אונדז אומבאַקאַנט.

גאָר, אַז דו וועסט גרויס ווערן, מיין קינד,
און וועסט אויך פאָרן אַהין,
זאָלסטו זיך דערמאָנען און געבן אַ קלער,
אַז דאָס איז אויך געווען פון דיין מאַמעס אַ טרער.

ערב ראש השנה

עס איז ערב ראש־השנה אין לעבעדעווע.
די זון איז בלאַס.
עס שאָקלען זיךביימער,
די סטעזשקעס זענען נאַס.

פון די אַרומיקע געסלעך
גייען מענטשן איבער פול
עס ציט אַזוי דער וועג
פון דער הרעבלע ביז דער שול.

עס איז דאָך היינט אַ טאָג
פון אַ גרויסן געבעט.
דאָס ליגט אַלעם טיף אין הארצן
עס ווערט פון מויל נישט אַרויסגערעדט.

פאַרלאָפן איז אַ יאָר,
מען האָט דאָך געווים אַ זינד,
עס איז אין שטוב נישט געבליבן
פון אַ גרויסן ביז אַ קינד.

עס איז דאָך אַ יום הדין
פאַר אַלעמען גלייך,
עס ווערט נישט אויסגעקליבן
פון אָרעם ביז רייך.

עס ציטערן די גרעזלעך,
וואָס וואַקסן אויפֿן פֿעלד,
עס ציטערן די פֿויגל,
וואָס שוועבן הין און הער.

און אין שול איז דער עולם
אַזוי געדיכט געפּאַקט,
פֿאַרנומען איז יעדער מיט דער תּפֿילה,
דאָס קול איז ווי אָפּגעהאַקט.

די קעפּ זענען
מיט תּליתים איבערגעדעקט,
און צו גאָט אַ תּפֿילה
ווערט דאָרט אויסגעבעט.

און ווען דער בעל תּקיעה
נעמט דעם שופֿר אין דער האַנט,
ווערט אַזוי שטיל,
אַט ווי אַ טויטע וואַנט.

מען הערט דעם שופֿר בלאָזן
תּרועה, שבֿרים, איז דער קלאַנג,
און עס דוכט זיך,
מען הערט פֿון מלאָכים אַ געזאַנג.

און יעדערער טוט די הענט
צום הימל צעשפּרייט,
און אַ יאָר פֿון כּל טובֿ
זאָל פֿאַר אַלעמען זיין געגרייט.

און ביי יעדערן,
איז דער זעלבער טראַכט:
אַז דער שׂאָטן זאָל נישט האָבן מער
איבער אונדז די מאַכט.

דבורה פוס־ליפקינד

מיין שטעטעלע

עס איז אַמאָל אַ שטעטעלע
לעבעדעווע געווען,
מען האָט עס אויף דער
וועלטלעכער מאַפּע נישט געזען.

אָבער ביי מיר איז עס
פאַרבליבן אין זכרון,
ווייל איך בין דאָרטן
געבוירן געוואָרן.

איך האָב דאָרט געהאַט
ליבע צו זאַט,
ווייל דאָרטן האָב איך
מיין טאַטע מאַמע געהאַט.

שטענדיק איז מיין מאַמע
געווען פאַרנומען,
ווען אַלע אירע קינדער
זענען זיך צוזאַמענגעקומען.

און געווען איז דאַן
פריילעך און גוט,
ווייל געפלאָסן האָט נאָך
דאָס קינדערשע בלוט.

שטענדיק געדענק איך
דער מאַמעס בליק,

ווען זי פלעגט מיר געבן
צום האַרצן אַ דריק.

און געווען איז מיין מאַמע,
מיט מיר אַזוי שטאָלץ,
אויסגעפירט האָב איך,
וואָס איך האָב געוואָלט.

עס איז געווען ביי מיר
אַ פאַרגעניגן, אַ מאַכל
צו גיין זיך אַ ביסל
פּאַלושקען אין טייכל.

וואָס עס איז נאָר
אין שטעטל געווען,
דאָס ערשטע בין איך,
אַ גאַסט דאָרט געווען.

אָבער ווען איך פלעג זיך,
אַ ביסל פאַרזאַמען,
פלעגט מיר שוין קלינגען
דאָס קול פון מיין מאַמען.

און פאַרלאָפן איז דאָך שוין
אַזוי פיל יאָרן,
אָבער וואָס ווייטער בענקט זיך
נאָך דעם שטעטל פון געבוירן.

און פון בענקשאַפט
נעמט מיר געבן
אין האַרצן אַ דריק,
ווען איך נעם ציען די יאָרן צוריק.



רב מאָטע בלאָך
דער רבי פון אונדזער שולע

דער רבי פון דער לעבעדווער שולע

ווער געדענקט נישט די שולע
אויף דער ווייבערישער שול
אין אַלע ווינקעלעך
זענען מיר, קינדערלעך, געווען פול.

מיר האָבן געטאַנצט,
געשפרונגען, געזונגען,
און ווי לעבעדיקע גלעקעלעך,
געקלונגען.

און מיט פרייד
זענען מיר געווען זאַט,
מיר האָבן דעם טייערן רבין,
ר׳ מאָטע געהאַט.

און ער פלעגט זיין געל בערדל
אין מויל אַריינגעמען,
און ער פלעגט זיך פרייען
ווער עס פלעגט דעם קאַפּיטל חומש קענען.

הירשקע, יעקב האָט געהאַט 12 זין,
ווי רופט מען זייער טאַטן?
און דער רבי פלעגט דערביי אַ קנייטש טאָן
דעם שטערן, דעם גלאַטן.

און ער פלעגט זען,
אַז קיין ענטפער קען ער נישט קריגן,
פלעגט זיך אין אים צעזינגען
זיין געשמאַקער ניגון.

און ווי גוט איז זיין שמייכל געווען,
ער האָט דאָך אַלע סודות
אין אונדזערע הערצעלעך
געזען.

איינעם פלעגט ער געבן אַ גלעט,
צו דעם צווייטן, אַ שמייכל,
ווייל גאָט האָט אים געשאָנקען
מיט אַ געזונטן שכל.

ער פלעגט זיך מאַיעסטעטיש
שטענדיק פירן,
ער האָט זיך מיט אונדז
קיינמאָל געטאָן דענערווירן.

און ליב געהאַט
האָט ער אונדז צו זאַט,
אַפילו ווען ער,
האָט אַנדערע תלמידים געהאַט.

און ווען דער חורבן איז אין לעבעדווע געווען,
איז אונדזער טייערער רבי
געגאַנגען מיט זיינע תלמידים,
אויף קידוש השם.

דאָס טייכעלע

עס חלומט זיך מיר: איך מאַך
אין לעבעדווע אַ שפּאַציר,
איך זוך אונדזער שטוב
מיט דער גלעזערנער טיר.

איך זוך דאָרט דעם גאַנעק,
אויף וועלכן איך האָב געקלעטערט אַמאָל,
איך וויל אויכעט הערן
פון מיין מאַמען אַ קול.

אָבער איך זע דאָך
קיין בוים, קיין גראָז און אַ וועג,
אַלץ איז געוואָרן פּוסט און וויסט,
איך זע, אַז מיין שפּאַציר, איז געוועזן אומזיסט.

און פון פאַרדרוס
מאַך איך אַ גרויס געוואַלד,
און איך הער לעבן מיר
אַ שטילן גערויש באַלד.

דבורקע, איך האָב איצט
געהערט דיין קול,
דערקענסט נישט דאָס טייכל,
ווו דו האָסט זיך געפּלוסקעט אַמאָל?

דו האָסט דאָך גענאָסן
פון מיר ליבע צו זאַט,
ווען דו ביסט געווען אַ קינד
און נאָך דיין מאַמעס היים געהאַט.

אָבער טייכעלע, זאָג מיר,
וואָס איז לעבן דיר יעצט אַזוי שטיל?
ווו זענען די קינדער,
וואָס האָבן דאָ געררוישט ווי אַ מיל?

און ווו זענען די גרויסע,
וואָס האָבן געוווינט דאָ אַמאָל?
איך זע — עס איז טויט!
איך הער קיין מענטשלעך קול!

און פּלוצלינג ווערט מיר
אויפן הארצן נישט גוט,
איך זע אין טייכל קיין וואסער,
איך זע בלויז בלוט.

זאָג מיר, זאָג טייכל,
וואָס איז דאָ געשען?
איך זע, דו ביסט
דער לעצטער עדות געווען.

אָבער דאָס טייכל ס'רעדט נישט,
ס'איז שטיל ווי די וואַנט,
מיטאַמאָל גיט עס אַ געשריי:
דאָ איז אויך געווען דעם מערדערס האַנט!

דאָס איז געווען דעם ניינטן תמוז,
ווען די זון האָט געשיינט,

דאָס געדענק איך זיכער,
ווי דאָס וואָלט געווען היינט.

איך האָב געהערט
זייער יאָמער און וויי,
און דאָס איז געווען
זייער לעצטער געשריי.

העלפֿן האָב איך זיי
מיט גאָרנישט געקענט,
מען האָט זיי אַלע
אין שייער פֿאַרברענט.

דבורקע, באַלד וועסטו
אויך נישט דערקענען מיר,
זעסט נישט, אַז אַלץ
טריקנט אין מיר.

ווער האָט מיר געפֿירט אַהער,
ווער האָט מיר געבראַכט
האָט מיין געדאַנק מיר
איינגאַנצן פֿאַרנאַכט.

איך שטיי מיר פֿאַרטראַכט,
פֿאַרטראַכט,
אין די אויגן איז מיר פֿינצטער,
ווי אין מיטן דער נאַכט.

איך זע נישט קיין טייכל,
איך הער נישט קיין גערויש,
איך הער נאָר, מען שעפּטשעט
קום פֿון דאַנען אַרויס:

ווער רעדט דאָס צו מיר,
און גלעט מיך אַזוי צאַרט,
אָבער דער קול
האָט מיר יעצט נישט גענאַרט:

אַנטלויף שנעל פון דאַנען,
דו טאָרסט זיך נישט פאַרזאַמען!
און דאָס איז געווען דער קול
פון מיין אייגענער מאַמען.

דו האָסט שוין די סודות
פון דעם טייכל געהערט,
אַנטלויף שנעל פון דאַנען,
דאָ איז פאַרבליבן פאַרשאָלטן די ערד!

שטיי נישט קיין סך,
עס איז נישטאָ וואָס צו טראַכטן,
לויף קיין ישראל,
דיינע קינדערלעך וואַרטן.

און אַזוי איז מיר געוואָרן
אַלץ אין מוח איינגעזאַפּט,
און איך האָב זיך
פון מיין שלאָף אויפגעכאַפּט.

דער נײַנטער תמוז

און איך חלום, עס ברענט!
דאָס גאַנצע שטעטל ווערט פאַרברענט!
און איך וויל שרײַען:
ייִדן, ייִדן, לעשט! לעשט! לעשט!
און דער קול מײַנער איז ווי דערשטיקט,
און דאָס האַרץ איז, ווי צוגעפּרעסט.

ווו בין איך אַליין, איך וויל לעשן,
אָבער מײַנע הענט זײַ ציטערן פון שרעק,
איך זע בלויז הײַזער, ליידיקע פון מענטשן,
אין שטוב איז קיינער נישטאָ.
אַלץ איז אויסגעליידיקט, פּוסט און וויסט,
און איך פּיל, עס גרייכן שוין די פלאַמען,
דאָ, דאָ ווו איך שטיי...

אָבער איך בין דאָך אין ישראל,
און נישט אין מײַן שטעטעלע,
אָבער צונגען רויטע, פלאַמיקע ווי פײַער,
ציען צו מיר און איך שריי: מאַמע! מאַמע!
ראַטעווע מיך אַרויס
פון די רויטע שוואַרצע צונגען!

און דאָס קול אין מיר שטיקט,
און דאָס האַרץ, פון ווייטיק דריקט.

און צווײ װײַסע הענט ראַטעווען מיר,
און איך פֿיל ווי מײַן מאַמע פֿירט מיר
אויפֿן לעבעדעווער מאַרק.
דער גאַנצער מאַרק הײזער ברענען
אַרום און אַרום.

אַלע שטעטלדיקע מענטשן שטייען
דערשראָקן און פֿאַרשוואַרצט.
איך דערקען זיי אַלע.
און ר׳ יחיאל, אונדזער רב,
שטייט און האַלט אַ דרשה:

ייִדן! קידוש השם!
שרײַט נישט, וויינט נישט,
ווייזט נישט דעם שונא.
די לעצטע מינוטן, זײַט שטאַלץ!

אָבער ווו, ווו פֿירט מען אַלע,
איבער די קעפּ שלאָגט מען
מיט שטעקנס, מיט בײַטשן.
און דאָרט אויפֿן גאָרן אין שייער,
וואַרט אויף זיי אַ פֿאַרטיקער פֿײַער.

און איך פֿיל, איך בין פֿרײַ,
איך גיי זיי נאָך,
אָבער מײַנע פֿיס,
ברעכן זיך אונטער מיר
און פֿאַרחלשט איינע אַליין.

אָבער ווו בין איך?
און ווו זאָל איך גיין?

און פלוצלינג זע איך,
אַ טיר עפנט זיך פאַר מיר
און עמיצער כאַפּט מיר אַהין אַריין.
און דאָרט איז ליכט און שיין.

אָבער אַנטקעגן מיר
קומט דער פּרוש פון שול
מיט אַזוי פיל מתנות פול,
און דאָס פּנים שיינט
אַט ווי אַ מלאך פון הימל
וואָלט דאָס געווען.

און זאָגט:
דבורקע, דו האָסט שוין אַלץ געזען.
און ער שאָקלט מיט זיין קאָפּ
און זאָגט צו מיר שטיל,
מיט אַ פאָטערלעכן געפיל:

דבורקע, דו האָסט שוין אַלץ געזען,
פאַרפאַלן, פאַרברענט!
און ער האַלט מיר פאַר די הענט.
און זאָגט:
קידוש השם, קידוש השם!
אַלץ פאַרפאַלן!

און זיין פּנים איז,
ווי פון אַ נביא, טוט שטראַל.
און קוק זיך איין גוט, ווו דו ביסט.
און ווי צעטומלט שטיי איך
און איך זע, מלאכים ווייסע
שפּרייטן אויס די פליגלען און זיי שוועבן
און איך מיט זיי.

אָבער ווו פליען זיי?
קיין ישראל!
דאָרטן וועט דער פייער נישט גרייכן,
דאָרטן האָבן זיי נישט קיין שליטה.
אונדזער לאַנד פון אבות אבותינו!

און אַט גרייך איך שוין די ברעגן,
און איך פיל, ווי מען גיט מיר אַ וואָרף,
און איך געפין זיך שוין אויף דער ישראל ערד,
און איך וויל דאָ אויף אייביק פאַרבלייבן.

און איך באַריר און קוש
יעדעם זאַמדעלע פון דער ערד
און איך פיל, איך בין פריי,
פון די רויכעס און פלאַמען,
וואָס איך האָב אַריינגעזאַפּט.
און איך האָב זיך פון מיין שלאָף אויפגעכאַפּט.

א י נ ה אַ ל ט

ע ר ש ט ע ר   ט י י ל

ה ק ד מ ה — — — — — — — — — 7
א געבעט — — — — — — — — — 9
מלחמת סיני — — — — — — — — — 16
דער הימל משפט — — — — — — — — 19
ערב תשעה באב 1957 — — — — — — 23
אַ געבעט ביי אברהם אבינו — — — — — 30
א געבעט ביי דער מוטער רחל — — — — — 33
מיט דער מוטער רחלביים כותל המערבי — — 35
הר הקדושים — — — — — — — — — 38
דער פּאַסטוך אין נגב — — — — — — 42
11 יאָר עצמאות — — — — — — — — 45
דוד המלך — — — — — — — — — 47
ד"ר זאב הרצל — — — — — — — — — 49
זשאַבאָטינסקי — — — — — — — — — 51
ביאַליק — — — — — — — — — 52
נאַפּט אין חלץ — — — — — — — — — 54
ערד פון ישראל — — — — — — — — 57
ירושלים — — — — — — — — — 62
דער פּרוש פון אונדזער שול — — — — — 64
דער משכן הכנסת — — — — — — — — 68
אייכמאַן — — — — — — — — — — 70

נאַצער — — — — — — — — — — — 73
דער קעניג כוסיין — — — — — — — — — — — 77
די ווייסע טויב פון שלום — — — — — — 79
דקר — — — — — — — — — — — — 81
אַ האַרץ פון אַ יידישער מאַמע — — — — — 84
יונת השלום — — — — — — — — — — 87
יום העצמאות — — — — — — — — — — — — — — 90
ירושלים לא יושבת בדד — — — — — — — 92
רחל אמנו — — — — — — — — — — — 93
ירושלים — — — — — — — — — — — 94
ירושלים השלמה — — — — — — — — — — — 95
ירושלים אנחנו כאן — — — — — — — 97
גיבורים — — — — — — — — — — — 98
היהודי הנצחי — — — — — — — — — 99

צווייטער טייל

מיין שטעטעלע לעבעדווע — — — — — — — 105
לעבעדווע אין אַ וואָכיקן טאָג — — — — — — 111
דאָס קליינע מעשענע קענדעלע — — — — — — 117
די חתונה אין לעבעדווע — — — — — — — 121
ווינטער — — — — — — — — — — — 126
ערב שבת — — — — — — — — — — — 128
ערב ראש השנה — — — — — — — — — 130
מיין שטעטעלע — — — — — — — — — 132
דער רבי פון דער לעבעדווער שול — — — — 137
דאָס טייכל — — — — — — — — — — — 139
דער ניינטער תמוז — — — — — — — — — 143